NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02184

# DEM ZEYDENS MATONEH

Mark Arnshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

b3 609

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעריע נ׳ 2

מאַרק אַרנשטיין

# דעם זיידנס מתּנה

א קאָמעדיע אין איין אַקט

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1931

Printed in Poland.

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

M. Arnsztejn.

# Podarunek dziada

Sztuka dla dzieci

Drukarnia „Expres" Wilno, Wielka 33.

## פּערזאָנען:

זיסקינד, 11 יאָר.
משהלע, 10 יאָר.
חיימל, 8 יאָר.
רחלע, 7 יאָר, זייער ייִנגסטע שוועסטערל.
סענדער, 11 יאָר, אַ שכנס אַ ייִנגל.

מ'שטעלט זיך פאר א קינדער־צימער אין א פארמעגלעכן יידישן הויז. צווישן די פענצטער — אן עטאזשערקע מיט ביכער, העפטן און קינדער־שפילעכלעך. אין דער טיף — צוויי פענצטער מיט שיינע פארהענגלעך. רעכטס ביי דער וואנט — 2 קינדער־בעטלעך. לינקס — א ניט־גרויסע שראנק און א טיר. אינמיטן שטוב — א טיש מיט שטולן. אויף די ווענט הענגען מאפעס און א גרויסער פארטרעט פון א שיינעם אלטן יידן. אויפן טיש ברענט א לאמפ.

(משהלע און רחלע זיצן ביים טיש פארנומען מיט קלעפן א הויז פון פאפיר און טעקטור).

משה: עס טויג ניט ווי דו מאכסט, אזוי וועט זיין בעסער (קלעפט דעם דאך).

רחל: אזוי טויג עס ערשט טאקע צו גארנישט. דער דאך קען איינפאלן און וועט חלילה דערהרגענען אלע קינדער.

משה: דו האסט דען קינדער? דאס הויז איז דאך ליידיק, קיינער איז נישטא אינעווייניק.

רחל: היינט איז טאקע קיינער נישטא, אבער מארגן קענען דאך זיין.

חיימל: (לויפט אריין א דערשראקענער, א פארשאפעטער, קוים וואס ער קען דעם אטעם כאפן) אוי, גיכער! פארמאכט די טיר! די פענצטער פארמאכט! אוי, אוי! גיכער! גיכערן

מ ש ה און ר ח ל: (שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער) וואָס איז געשען? וואָס, וואָס איז?

ח יי ם: אַ נישט־גוטער! (ער באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל).

ר ח ל: ווו? ווו? (פון גרויס שרעק קריכט זי אַרונטער אונטערן טיש).

ח יי ם: דאָרט! דרויסן שטייט ער, ביים פּאַרקאַן... אַזאַ לאַנגער! אַזאַ ווייסער! ווי אַ מת! אוי, גיכער, לאָמיר זיך באַהאַלטן!..

ר ח ל: (קוויטשעט אונטערן טיש) אוי, איך האָב מורא!

מ ש ה: שריי נישט אַזוי, נאַרישע קאַץ, ס'איז דאָך קיינער נישטאָ!..

ח יי ם: איך האָב אַליין געזען!.. אַ נישט־גוטער... אַ נישט־גוטער! אַ נישט־גוטער...

ר ח ל: (שטיל) איך האָב מורא! איך האָב מורא!

מ ש ה: אַ נישט־גוטער ביסטו אַליין, חיימל!

ח יי ם: איך בין אַ נישט־גוטער?.. ניין... ניין...

מ ש ה: אַוודאי, וואָס דען, אַ גוטער ביסטו? ווען דו וואָלסט געווען אַ גוטער, וואָלסטו דאָך נישט איבערגעשראָקן דיין קליין שוועסטערל. זע, ווי זי ציטערט, נעבעך.

ח י י ם: אַז איך האָב אַליין געזען, איך קען שווערן. איך מיט זיסקינדן זייַנען מיר צוזאַמען געגאַנגען אַהער פֿון מוזיק-לערער, גייען מיר אַזוי אַריין פֿון דער טעפּער-גאַס אין קליינעם געסל, פֿאַרן גאָרטן פֿאַרבײַ, און איך זע פֿון דער ווייטנס, פֿון טויבן אַבאָילעס פּוסט הייזל ביים פֿעלד גייט אַרויס אַ מענטש אײַנגאַנצן אָנגעטאָן אין ווייסן — און אַזאַ לאַנגער, אַזאַ הויכער, העכער פֿון אַבאָילעס הויז... עס איז נאָך געווען גוט ליכטיק און איך האָב נאָך געזען...

ר ח ל: (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון אונטערן טיש און הערט זיך איין צום ברודערס דערציילונג שפּאַנענדיק שטיל) אוי, אַ נישט-גוטער...

מ ש ה: נו, און וואָס איז ווייטער געשען?

ח י י ם: האָב איך באַלד אָנגעהויבן צו לויפֿן... און בין זיך געלאָפֿן... און געהאַלטן די פֿידל פֿעסט. און דער נישט-גוטער לויפֿט מיר נאָך... און ווי איך בין שוין אַרייַנגעלאָפֿן אין הויז, האָב איך דערשפּירט ווי איינער טוט מיר אַ ריס אַרויס מײַן פֿידעלע פֿון אונטערן אָרעם... אוי, מײַן פֿידעלע, דער טאַטע און די מאַמע וועלן שרייַען... דעם זיידנס פֿידעלע...

ר ח ל: (צוגטערן טיש) אוי, אַ נישט-גוטער, אַ שד...

מ ש ה: (שפּריגנט אויף) חאַסט זיך, הייסט עס, געלאָזן אוועקנעמען דאָס פידעלע, וואָס דער זיידע האָט דיר געשאָנקען אַ מתּנה?!..

ח י י ם: איך בין קוים אַנטלאָפן פון נישט-גוטן, ער האָט מיר געוואָלט דערהרגענען...

מ ש ה: (מיט כּעס, מעשה דערחשקכענער) האָסטו נישט דאָס פידעלע? דעם זיידנס מתּנה? אוי, אוי, דו צעקראָכענער!...

ח י י ם: (צעוויינט זיך) איך האָב נישט אַוועק-געגעבן, ער האָט ביי מיר אַרויסגעריסן דעם זיידנס פידעלע!

מ ש ה: ווער האָט עס ביי דיר אַרויסגעריסן?

ח י י ם: איך זאָג דאָך דיר, דער שד, דער נישט-גוטער!

ז י ס ק י נ ד: (קומט אַריין אויף די לעצטע ווערטער, טראָגנדיק אַ פידעלע, פאַרפּאַקט אין אַ טיכעלעם פוטערל) נישט קיין נישט-גוטער, נאָר אַ טשוואַק האָט עס דיר אַרויסגעריסן, אָט האָסטו דיין פידעלע צוריק! בעע!...

ח י י ם: (פלייבט צוערסט שטיין פאַרשעמט, דערנאָך לויפט ער צו און כאַפּט מיט פרייד דאָס פידעלע פון

(ברודערס הענט) אָ! מיין פידעלע! מיין פידעלע! פון וואַנען האָסטו עס באַקומען?

זיסקינד: אויפן טשוואָק פון פּאַרקאַן איז עס געהאַנגען... ווען דו ביסט אַזוי אַנטלאָפן פאַרן „נישט-גוטן", בין איך דיר נאָכגעלאָפן און דיר נאָכגעשריען, אַז דער ווייסער, דער לאַנגער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ באַי־לעם הויז, איז דאָך גאָר פישל דער בעקער, וואָס ברענגט אַהער זעמל יעדן טאָג, און דו האָסט געהאַלטן אין איין אַנטלויפן פאַרן שד... כאַ כאַ-כאַ!...

רחל: (שמעקט אַרויס מער דעם קאָפּ פון אונטערן טיש).

אַלע: (אויסער חיימלען) כאַ-כאַ-כאַ!...

זיסקינד: (דערציילט ווייטער) און ווי איך לויף אַזוי דערנאָך און קום צו צום פּאַרקאַן, זע איך דאָס פידעלע הענגט אויף אַ טשוואָק... דו האָסט אוודאי געמוזט פאַרטשעפּען דעם פוטערל אָן טשוואָק און מיינען פון שרעק אַז דער „נישט-גוטער" רייסט ביי דיר דאָס פידעלע פון דער האַנט, האָסטו עס געלאָזן הענגען, און אַליין אַנטלאָפן!...

משה: (שיסט אויס אין אַ געלעכטער) כאַ-כאַ-כאַ!

אָט דער טשוואָק איז דאָס געווען דער נישט־גוטער! כאַ־כאַ־כאַ!...

רחל: (קריכט ארויס פון אונטערן טיש) אַזוי גאָר? אַ טשוואָק?

משה: (האלט אין איין לאכן) פאַר פּישל דעם בעקער האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן!... כאַ־כאַ־כאַ!

רחל: פאַר פּישל דעם בעקער? שעם זיך חיימל, שעם זיך!

חיים: (פארשטעלט זיך דעם פּנים) איך שעם זיך טאַקע! איך וועל זיך שוין קיינמאָל מער ניט שרעקן.. איך שעם זיך!... איך שעם זיך...

(ער צעוויינט זיך און לויפט ארויס אין דער צווייטער שטוב, איבערלאָזנדיק דאָס פידעלע אויפן טיש).

משה: (שרייט אים נאָך) וווהין לויפסטו, צעקראָכענער? זע נאָר, אַז אַ נישט־גוטער זאָל דיך ווידער נישט נאָכיאָגן! האַ־האַ־האַ!

רחל: (מיט רחמנות) לאָך נישט אַזוי, משהלע, חיימל וויינט... שווייג שוין...

זיסקינד: ניין, מע מוז חיימלען גוט אָנלערנען, ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל א'ופהערן זיך צו שרעקן! ס'איז דאָך גאָרנישט אויסצוהאַלטן פון דעם ייִנגל! אומעטום זעט ער

נאָר נישט-גוטע, שדים און גזלנים...

משה: יאָ, פאַר גזלנים האָט ער מורא צום מערסטן. נעכטן האָט ער מיך אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט און אָנגעהויבן צו וויינען: עס דאַכט זיך אים גזלנים רייסן דאָס פענצ-טער... איך שפּרינג אַראָפּ פון בעטל, גיי צו צום פענצטער און איך זע: גאָרנישט מיט גאָרנישט. נישט מער דאָס פענצטער איז געווען שלעכט פאַרריגלט, האָט עס דער ווינט אַביסל געשאָקלט אַהין און אַהער.

זיסקינד: מיר האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל אויפגעוועקט מיט דעם זעלבן פזמון... אָבער וואַרט — מער, מיין איך, וועט ער זונדז שוין נישט וועקן פון הייגט אָן.

משה: דו מיינסט, אַז ער וועט שוין קיין מורא נישט האָבן? דו מיינסט, אַז די געשיכטע מיט דעם „נישט-גוטן" וועט אים שוין אָנלער-נען? האָסט אַ גרויסן טעות. איך קען אים שוין בעסער פון דיר. פאַר „נישט-גוטע" וועט ער שוין איצטער אפשר מער קיין מורא נישט האָבן, אָבער פאַר גזלנים וועט ער זיך נאָך שרעקן אַזוי ווי פריער. דאָ דאַרף מען עפּעס אויסטראַכטן אַ קלוג שפּיצל, וואָס זאָל אים

צוגלערנען איינמאָל פאַר אַלע מאָל.

זיסקינד: איך האָב שוין אויסגעטראַכט.

משה: וואָס אַזעלכעס? זאָג, לאָמיר הערן.

זיסקינד: איך וועל דיר זאָגן, אָבער זאָל רחלע פרייגיין, ווייל זי וועט אים אַלץ דערציילן.

רחלע: ניין, איך וועל נישט דערציילן. איך אויך מיטהעלפן.

זיסקינד: נו, אויב אַזוי, איז גוט, וועל איך אייך דערציילן.

משהלע: (אומגעדולדיק) נו דערצייל, שוין!

זיסקינד: הערט, קינדער!...

(אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר און עס שפּרינגט אַריין מיט גרויסע שווערע טריט, טענדער. ער טראָגט אַ טולופּ, איבערגעקערט מיטן פוטער אַרויף, גרויסע שטיוול, אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ גרויסן משונהדיקן קאַפּעליוש, פאַרזשטעקט מיט פיל געגדזענע פעדערן, מיט אַ ברייטן ראַנד אַראָפּגעלאָזן ביז איבער די אויגן. אין דער האַנט האַלט ער אַ גראָבן שטעקן און אין גאַרטל, מיט וועלכן דער טולופּ איז פאַרמגעבונדן, זיינען פאַרשטעקט אַ שטר־פּייזן, אַ צוואַנג און נאָך אַזעלכע ענלעכע שטוב־מכשירים. אונטער דער גאַמבע הענגט ביי אים אַ שטיק שוואַרץ פוטער).

ר ח ל ע: (דערזעענדיק אים, דערשרעקט זיך) אוי, אַ גזלן!... (זי באַהאַלט זיך הינטער אונטערן טיש).

ס ע נ ד ע ר: (פּראָבירט זיי פון אָנהייב אַביסל איבערשרעקן און צעלאַכט זיך) כאַ-כאַ-כאַ!... ווי נאַר עפּעס, וויינט זי באַלד אונטערן טיש!... קריך אַרויס, רחלע, איך בין נישט קיין גזלן, איך בין דאָך סענדער. קענסט מיך נישט?

ז י ס ק י נ ד: סענדער. וואָס קריכט אויפן סטענדער...

ס ע נ ד ע ר: (רוקט אַרויף דעם קאַפּעליוש) רחלע, דאָס בין איך. קענסט מיך נישט? פון אַנטקעגן.

מ ש ה ל ע: (וועלכער האָט זיך פון אָנהייב אויך אַביסל דערשראָקן, אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט און איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט מיט די הענט אין די קעשענעס) איך האָב זיך אַפילו גאָרנישט אָנגעהויבן צו שרעקן און זי וויינט באַלד אונטערן טיש..

ר ח ל ע: (איז דערווייל אַרויסגעקראָכן פון אונטערן טיש) חיים וואָלט זיך נאָך מער דערשראָקן...

ז י ס ק י נ ד: אָט דאָס וועלן מיר טאַקע באַלד זען. איך האָב זיך עקסטרע אָפּגעשמועסט

מיט סענדערן, ער זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר אַ גזלן און אַריינקומען צו חיימען.

רחלע: ניין, איך האָב מורא, ער קען נאָך חלילה קראַנק ווערן פאַר שרעק.

זיסקינד: האָב נישט קיין מורא. דאָס האָב איך שוין גוט באַקלערט. מיר וועלן אַלע דאָ זיין אין שטוב באַהאַלטן, און אַזוי ווי מיר וועלן נאָר זען, אַז ער שרעקט זיך צופיל, וועלן מיר באַלד אַרויסשפּרינגען פון אונדזער באַהעלטעניש און מאַכן אַזאַ „בעעע!...״ אַז ער וועט, מיין איך, קיינמאָל אין זיין לעבן זיך שוין נישט שרעקן פאַר אַלע נאַרישקייטן. נו, גוט?

משהלע: גוט, מיר געפעלט דאָס זייער.

זיסקינד: שטיי זשע טאַקע נישט. קריך שוין אַריין אין דיין בעטל און מאַך זיך שלאָפנדיק; סענדער וועט זיך באַהאַלטן אונטער די פאָרהאַנגען, איך וועל טונקל מאַכן דעם לאָמפּ און וועל זיך אויך באַהאַלטן, און רחל וועט אַריינגיין צו חיימלען זאָגן אים, אַז משהלע שלאָפט שוין, וועט ער אויך באַלד

אַריינקומען זיך לייגן, דעמאָלט, סענדער, ווייסטו שוין, וואָס דו האָסט צו טאָן?

ס ע נ ד ע ר: אַהאַ! איך ווייס שוין גוט! איך וועל שוין אָפּשפּילן אַן אַנטיק.

ז י ס ק י נ ד: קום אַהער, באַהאַלט זיך.

(ער באַהאַלט אים אונטער די גאַרדינען און פאַרשטעלט אים גוט).

מ ש ה ל ע: (שפּרינגט אַריין אין זיין בעטל אין אָנטאָן) איך שלאָף שוין. (ער דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע און נעמט כראָפּען).

ז י ס ק י נ ד: גיי, רחלע, רוף אים אַריין שלאָפן, זאָג אים, אַז דער לאָמפּ גייט אויס, וועט ער זיך צואיילן, ווייל ער וועט דאָך מורא האָבן זיך לייגן אין דער פינסטער...

ר ח ל ע: איך גיי, אָבער געדענקט, איר זאָלט אים ניט שטאַרק איבערשרעקן.

ז י ס ק י נ ד: זאָרג זיך נישט, מיר האָבן אים פּונקט אַזוי ליב ווי דו.

ר ח ל ע: נו, איז גוט (זי גייט אַרויס).

ז י ס ק י נ ד: דערווייל, משהלע, דאַרפסטו נאָך נישט כראָפּען, וועסט צייט האָבן, ווען ער וועט אַריינקומען.

(משהלע הערט אויף כראָפּען, זיסקינד מאַכט טונקל

דעם לאָמפּ און באַהאַלט זיך אויף אַ ווינקל. אַ קליינע פּויזע, באַלד הערט זיך פון צווייטן צימער חיימלס לויפן) ששש... ער גייט!... כראָפּע, משהלע!... (משהלע נעמט כראָפּען געשמאַק, חיימל לויפט אַריין)

חיימל: ער שלאָפט שוין, דער טעפּער! נישט געקאָנט אַביסל וואַרטן אויף מיר. (ער נעמט זיך איילנדיק אויסטאָן) כ'ווייס, ער האָט זיך בכיון צוגעאיילט. ער האָט געמיינט, איך וועל מורא האָבן איינער אַליין זיך לייגן שלאָפן... ער מיינט אויף אַן אמת, אַז איך בין אַזאַ שרעקעדיקער... אָן! סע הייבט זיך אַפילו נישט אָן!... איך האָב נישט קיין מורא... איך הייב נישט אָן מורא צו האָבן!... איך האָב שוין מער נישט קיין מורא פאַר קיינעם!... פאַר קיינעם!... נישט פאַר קיין נישט-גוטן, נישט פאַר קיין שד... אַפילו נישט פאַר קיין גזלן... (סענדער שפּאַנט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש מיט גרויסע שווערע טריט, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן אין דער פּאָדלאָגע און קלינגענדיק מיט די אייזנס, וועלכע ער טראָגט. חיימל דערזעט אים, שפּרינגט ער אַזש אַרויף אויפן בעטל מיט אַ געשריי) אוי, אַ גזלן!...

סענדער: (מיט אַ גראָבע שטימע) יאָ, איך בין אַ וואַלד-גזלן. שוין דערלאַנג מיר אַהער געלט, וואָס דו פאַרמאָגסט! ווען נישט, דערהרגע

איך דיר דאָ באַלד אויפן אָרט מיט דעם געווער (ער קלינגט ביט די אייזנס).

חיימל: (ציטערט) איך בעט אייך, מיין ליבער, מיין טייערער גזלן, הרגעט מיך נישט!.. צו וואָס טויג עס אייך? בעסער נעמט זיך אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, און לאָזט מיך לעבן...

סענדער: ווו האָסטו דיין פאַרמעגן? אַהער גיב עס שוין!...

חיימל: דאָרט אין שאַנק.. מיין נייער אָנצוג... מיינע נייע שטיוועלעך.. ערשט געקויפט אויף פסח...

סענדער: (קלאַפנדיק מיטן שטעקן) ניין, נישט דיין אָנצוג, נישט דיינע נייע שטיוועלעך, גיב עפּעס בעסערס.

חיימל: (ציטערט) ליבער טייערער גזלן, דאָרט אין עטאַזשערקע... מיינע נייע ביכלעך מיט אַזעלכע שיינע בילדלעך... מיינע סאָלדאַטן... דער פעטער האָט מיר געקויפט...

סענדער: (נאָך בייזער) איך וויל נישט דיינע ביכלעך!... איך דאַרף נישט דיינע סאָלדאַטן!... גיב עפּעס בעסערס!... גיב וואָס ביי דיר איז צום טייערסטן (ער באַמערקט דאָס פידעלע אויפן טיש) אָט דאָס פידעלע גיב. (ער וויל נעמען

דאָס פידעלע) און דיין רחלען וועל איך מיט־גענומען און דיך וועל איך לאָזן לעבן...

חיימל: (שפרינגט אַראָפּ פון בעט, כאַפּט דאָס פידעלע אין ביידע הענט, שרייענדיק) ניין!... דאָס פידעלע וועל איך נישט אַוועקגעבן!... אַלץ נעמט זיך, נאָר נישט דאָס... דאָס פידעלע וועל איך קיינעם נישט אַוועקגעבן...

סענדער: אַזוי זאָגסטו?!... קיינעם נישט?... און דעם נישט־גוטן האָסטו דאָך ערשט היינט צוועקגעגעבן!..

חיימל: (רעדט וואָס אַמאָל מער גערירט) איז עס טאַקע געווען זייער מיאוס, אָבער מער וועל איך שוין אַזאַ זאַך נישט טאָן. מיין זיידעניו איז אַלט און קראַנק און ווען ער האָט מיר צו זיין געבורט געשענקט דאָס פידעלע, האָט ער מיר אַזוי געזאָגט: נעם דאָס פידעלע, לערן זיך אויס שיין שפּילן און ווען דו וועסט גרויס ווערן און דו וועסט האָבן אַ כלה, זאָלסטו איר אויף דעם פידעלע אָפּ־שפּילן דיין ערשטע מעלאָדיע, וועט זי דיך אייביק ליב האָבן, און ווען דו וועסט אַליין שוין האָבן קינדער, זאָלסטו זיי שפּילן אויף

דעם זעלבן פידעלע, װעלן זײ זײן גוטיטשקע און דיך װעלן זײ אַזױ ליב האָבן, װי דו האָסט ליב דײן טאַטן... און װען דו װעסט װערן אַ זײדע, זאָלסטו דאָס פידעלע אַװעקשענקען דײן אײניקל און אים אָנזאָגן, ער זאָל עס װידער אַװעקשענקען זײן אײניקל...
אַזױ האָט מיר געזאָגט מײן זײדעניו, און איך האָב געזען, אַז טרערן זײנען אים געשטאַנען אין די אױגן און איך האָב אױך געװײנט...
(מיט טרערן) איצט קומסטו, דו שלעכטער גזלן, און װילסט מיר דאָס פידעלע אַװעקנעמען!? אױף װאָס װעל איך שפּילן פאַר מײן כּלה? אױף װאָס װעל איך שפּילן פאַר מײנע קינדער, װען איך װעל זײן אַ טאַטע?! װאָס װעל איך אַװעקשענקען מײנע אײניקלעך, װען איך װעל זײן אַ זײדע?! (ער הערט פּלוצלונג שטאַרק װי אַ העלד) נײן, גזלן? איך װעל דיר דאָס פידעלע נישט געבן! און פאַר מײן רחלען װעל איך דיר האַלדז און נאַקן צעברעכן, איך װעל דיר װײזן, אַז איך האָב קײן מורא נישט! איך שרעק זיך שױן נישט פאַר קײנעם און איך װעל מײן גאַנץ לעבן זיך מער פאַר קײנעם נישט שרעקן (כאַפּט צרױס דאָס אײזן פון סענדערס

גאַרטל און פאַרמעסט זיך).

סענדער: (זייער גערירט) חיימל, האַלט, שלאָג נישט, איך בין נישט קיין גזלן, איך בין דאָך סענדער, איך האָב דיר נאָר געוואָלט אויסלערנען ניט שרעקן זיך, אָט אַזוי, חיימל, ביסט אַ כוואַט...

חיימל: (פאַרוואונדערט) ווער ביסטו? סענדער גאָר? נישט קיין גזלן?

סענדער: (רייסט אַראָפּ די באָרד) איך בין נישט קיין גזלן! זיסקינד האָט מיר געהייסן אַזוי זיך פאַרשטעלן.

זיסקינד: (גייט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש) יאָ, חיימל, איך האָב דיר געוואָלט אויספּרובירן, צי דו וועסט זיך ווידער דערשרעקן. אָבער איך זע, אַז דאָס פידעלע, אונדזער ליבן זיידנס מתנה, און אונדזער שוועסטער האָבן דיך געמאַכט פאַר אַ העלד. דו שרעקסט זיך ניט מער, אַזוי האָב איך דיך ליב. (ער באַמערקט רחלען, וועלכע האָט זיך פריער צו פּלוצעם צוגעקוקט פון דער שפּאַרע, און איצט איז זי אַריינגעקומען און שטיין געבליבן, ווישט זיך די אויגן) וואָס ווייסטו, רחלע?

רחלע: גיי, גיי, זיסקינד! דו ביסט אַ שלעכטער...!

זיסקינד: פאַרוואָס?

רחלע: ווייל דו האָסט אים אַזוי איבער־געשראָקן, חיימען...

חיימל: (דערלאַנגט זיסקינדן די האַנט) ביין, ביין, איך בין נישט בייז אויף דיר, ברודער! פאַרקערט. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אויסגעלערנט זיין אַ מענטש — און פילן זיך שטאַרק (ער צוקושט זיך מיט אים).

(עס הערט זיך פון משהלעס בעטל זיין כראַפען).

זיסקינד: זע נאַר! משהלע איז דערווייל אויף אַן אמת איינגעשלאָפן, און האָט גאָרניט געזען, וואָס דאָ איז אַלץ פאָרגעקומען (ער וועקט אים) משהלע! משהלע!

משהלע: (כאַפט זיך אויף) וואָס? וואָס? (ער באַמערקט סענדערן און פאַרגעסנדיק פון שלאַף, ווער דאָ איז, שרייט אויס דערשראָקן) אוי! אַ גזלן! אַ גזלן!!

אלע: (שיסן אויס מיט אַ געלעכטער, טאַנצנדיק אַרום אים) אָאָאָ! משהלע האָט זיך דערשראָקן! משהלע האָט זיך דערשראָקן!..

(משהלע באַהאַלט זיך פאַרשעמט אונטער די קאָלדרעס).

פאָרהאַנג.

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעריע ב׳ 2

אייזיק פּלאַטנער

# סוף זומער

(אַ פאָרשטעלונג אין 2 בילדער)

ווילנע
פאַרלאַג „נײַע יידישע פאָלקסשול"
1931

Printed in Poland.

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH“
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

A. Platner.

# Koniec lata

Sztuka dla dzieci

Drukarnia „Expres“ Wilno, Wielka 33.

## דאָס ערשטע בילד.

אַ קינדער-קעמפּ. צווישן ביימלעך זיצן אַ גרופּע קינדער מיט אַ לערער און ריידן. אַ טייל זיינען זייער אויפגערעגט, עקסטאַטיש. אין אונטערגרונט פון דער סצענע טראָגן קינדער פּאַרביי פּעקלעך, וואַליזעס. עס הערן זיך שטימען, אַ טומל, האַרנס פון אויטאָמאָבילן, לידער, טשירס, רופן: דוד, חיים, רוטי א. אַ: עס לויפט אַריין אַ יינגל מיט אַ סוועטער אין האַנט.

**יינגל:** איי, חברה, וואָס זיצט איר? מיר פאָרן, איר וועט פאַרשפּעטיקן.

**די קינדער:** (פעסט) מיר פאָרן ניט. מיר בלייבן דאָ!

**יינגל:** (לויפט אַרויס און רופט) קינדער, זיי פאָרן ניט. זיי זאָגן, אַז זיי בלייבן דאָ

(עס לויפן אַריין אַ סך קינדער רייזע-פּאַרטיק. בלייבן אַלע שטיין פאַרוואונדערט, ווי די קליינע גרופּע זיצט רויק).

אײנער: קינדער, קומט פֿאָרן, ס׳װערט באַלד
אין דרויסן קאַלט. װאָס װעט איר דאָ
טאָן אַלײן?
נאָך אײנער: מע דאַרף שױן באַלד אין
שול גײן לערנען.
אַ מײדל: (כליפּענדיק) די מאַמע װעט בענקען.
אַ פּעט ײנגל: און װאָס װעט איר עסן?
דוד: מיר װעלן דאָ פֿאַרבלײַבן.
האָלץ אין װאַלד אָנקלײַבן,
װינטער פֿײַער מאַכן,
לערנען, שפּילן זיך און לאַכן.
און אַז דער פֿראָסט װעט קנאַקן,
װעלן מיר קלעצער האַקן,
צו װאַרעמען די גלידער,
מיטן װינטער װערן ברידער.
יאַנקל: לערער, בלײַבט מיט אונדז צוזאַמען.
מיר װעלן גערניט אין דער שטאָט פֿאַר-
זאַמען.
קײנער װעט ניט בענקען נאָך דער
מאַמען.
לעבן דאָ און בריװלעך שרײַבן,
לאָמיר, לערער, דאָ פֿאַרבלײַבן.

ה ע ר ש ל: אויב מיר וועלן זײַן אײנײנעם
וועט שוין גאָרניט פעלן קײנעם.
אײנער וועט די בעטן מאַכן. . .
ש ר ה: איך וועל אײַנלײגן די זאַכן.
ח נ ה: איך וועל קאָכן עסן.
ר ו ט י: און איך וועל וואַשן, פרעסן.
ד ו ד: בלײַבט אַזוי שוין, קינדער.
אַ ל ע: מיר וועלן דאָ פאַרבלײַבן,
האָלץ אין וועלדל קלײַבן,
ווינטער פײַער מאַכן,
לערנען, אַרבעטן און שפילן,
פון די קעלטן לאַכן.
ווינטער וועט אַריבער,
וועט איר, קינדער, קומען,
וועט אײַך זײַן נאָך ליבער
זײַן מיט אונדז צוזאַמען.
(די אווטאָמאָבילן רופן)

ד י ק י נ ד ע ר: גוד בײַ, בלײַבט געזונט,
שרײַבט בריוולעך!
ש ט י מ ע ן – 1=טע: טרינקט ניט אויס דעם טײַך!.
2=טע ש ט י מ ע: האַלט ריין דעם קעמפ!
3=טע ש ט י מ ע: זעט נאָר, איר זאָלט ניט

## צוריק קומען!

די גרופע גיט אלעמען די הענט. שוויגן, שמייכלען.
אלע קינדער זינגען:

זומערלאַנד, אוי, זומערלאַנד,
אין טרויער און אין פריידן,
געקומען איז דאָך שוין די צײַט,
מיר מוזן זיך צעשיידן.

א גרופע טענצער טאנצן א געזעגענונגס-טאנץ. עס הערט
זיך דאס אפפארן פון די מאשינען. א ווייטער גערויש:
עכאס פון טשירם. די גרופע בלייבט אליין.

דוד: קינדער, איצט זײַנען מיר די איינציקע
אין קעמפּ. צו דער אַרבעט! פריער
וועלן מיר גיין זען, ווי אַזוי מע קען
זיך צוגרייטן צום ווינטער. לאָמיר נאָך
אַמאָל אַלץ באַקוקן: דעם טײַך, דעם
וואַלד און יעדעס ווינקעלע. קומט אַלע,
לאָמיר גיין. אײַ, אונדזער קעמפּ!
(גייען אוועק: פארהאנג פאלט).

# דאָס צווייטע בילד

דוד, חיים, רוטי, שרה, הערשל קומען אַן אין וועלדל. אַ ווינטל בלאָזט און די ביימער רוישן. אַ פּאָר העזעלעך זײ זיצן לעבן די ביימעלעך, דערזעען די קינדער און צעלויפן זיך: אַ גרויסע גרופּע זשאַבעס מיט קײַלעכדיקע אויגן שטייט אויף די פאַדערפיס, קוקט אויף די קינדער. ווינט ווערט שטאַרקער, בלעטער פאַלן. אַ פאַרדומפּטע וואַלד־שטימע גיט אַ ברום, ווי דער וואַלד וואָלט הוסטן: די קינדער האַלטן זיך אַלע בײַ די הענט, אַביסל דערשראָקן: הײם גייט פאַרויס אַליין. קערט אויס דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיי רופן:

**רוטי:** אַ ווינט בלאָזט.

**שרה:** בלעטער פאַלן.

**הערשל:** דער וואַלד איז אומעטיק.

**דוד:** די ביימער, דאַכט זיך, ריידן און בעטן זיך עפּעס.

**חיים:** דאָס רופט די וואַלד־שטימע. צווישן דיביימער און וואַלד איז הויל און פוסט. ברעכט זיך אָפּ אַ צווײַג, דאַכט זיך, אַז דער וואַלד קרעכצט און עס הילכט אָפּ אַן עכאָ פון אַלע זײַטן.

**וואַלד־שטימע:**

קכע, קכע, עס קרעכצט דער וואַלד,
זומער בין איך יונג.
ווינטער בין איך אַלט,
קכע, קכע, קכע.

(וואלד־שטימע גייט ארום צווישן די ביימער; דער ווינט רוישט, די ביימער זינגען. ווינט, ביימער און קינדער־כאָר אין טאַנץ):

שוין אַוועק דער זומער,
האַרבסט וועט קומען באַלד,
ווינטן וועלן זינגען,
ווייַנענדיק אין וואַלד.

ווינטן אין די בלעטער,
ווינטן ווי קלאַרנעטן,
ווי אומעטיקע פידלען,
וואָס שפּילן און וואָס בעטן.

בײַ די גרויע הימלען,

בײַ דער שוואַרצער ערד,
פאַר די נאַסע ביימער
מיט צעווייקטע בערד.

נאָר קיינער הערט ניט בעטן
אינם וויסטן וואַלד,
שוין אַוועק דער זומער,
האַרבסט וועט קומען באַלד.

וואַלד־שטימע: (פאַרשווינדט. פון ווייטן הערט מען נאָך אַן עכאָ־הוסטן) קכע, קכע, קכע!

חיים: ס'איז טאַקע אומעטיק, אָבער ס'איז
שיין. איז עס ניט שיין, קינדער?

רוטי: מיר געפעלט עס. כ'וואָלט אַפילו
אַליין דאָ געקענט בלײַבן, נאָר מיט די
ביימער און חיהלעך.

שרה: מיט העזעלעך וואָלט איך געוואָלט
בלײַבן. איך האָב ליב די העזעלעך.
זיי שרעקן זיך, שפּיצן אָן די אויער־
לעך און לויפן. (אַ העזעלע לויפט דורך).
אָ, אַ העזעלע! געזען ווי שיין?

דוד: אַלע באַשעפענישן זײַנען שיין און
נוצלעך. וואָס עפּעס נאָר העזעלעך?

שרה: נו, שוין גאָרניט צוּוי. מאָסקיטאָס
בײַסן זיך און בינען אויך,

דוד: בינען מאַכן האָניק.

חיים: פֿליגעלעך טאַנצן. אוי, טאַנצן זײ.

(עס קומען אַרײַן אינזעקטן און טאַנצן)

חיים: איז ניט פֿריילעך. איך האָב אָבער
געזאָגט — מיר װעלן מיטן װינטער
חבר מאַכן.

דוד: מיט די װינטן לאַכן.

רוטי: מיטן װאַלד דעם גאַנצן.

שרה: זאָלן איצט די העזעלעך טאַנצן.

(אַלע רופֿן און זינגען. העזעלעך קומען אַרויס און
זינגען אויך און טאַנצן):

העזעלעך, העזעלעך, קומט אַרויס,
קומט אַרויס און שטעלט זיך אויס,
עקל צו נעזל און נעזל צו עקל,
מיט טרובע און פֿײַפֿל, מיט פּײַקל
און שטעקל,
טרו, טו, טו, טרו, טו, טו,
פּיו, פּיו, בים!

העזעלעך, העזעלעך, קליין און גרויס,
קומט אַרויס פון העזעלעך־הויז;
שמעקט מיט די נעזלעך,
טענצלט אונטער,
נעמט און פֿאַרגרייט זיך
שפּיִז אויף ווינטער.

טרו, טו, טו, טרו, טו, טו,
פּיו, פּיו, בים!

ביימער אַרום און העזעלעך אינמיטן,
העזעלעך מוטיק, דער וואַלד
וועט פֿאַרהיטן.
אַ ווינטעלע בלאָזט אין די ביימער
שוין קאַלט.
דערווײַל איז נאָך העזעלע קיניג
אין וואַלד.

טרו, טו, טו, טרו, טו, טו,
פּיו, פּיו, בים!

(העזעלעך צעשטעלן זיך לעבן די ביימער. פון ווייט הערט מען דאָס וואַסער רוישן. די קינדער מאַכן אַן ענגע גרופּע און קוקן זיך צו, ווי כוואַליעס און שיפלעך קומען אָן, און זינגען אַ ליד און טאַנצן):

שלאָפן איַין די שיפעלעך,
נעמט דאָס וואַסער וועקן,
גוט צו זיַין אַ שיפל,
כוואַליעס זאָלן לעקן.

גוט צו זיַין אַ וואַסער,
שיפלעך זאָלן שווימען,
אַזאַ טיפער וואַסער,
כוואַליען זיך און ברומען.

קומט אַ רעגן, קושט דאָס וואַסער,
קומט אַ זון און רעגנט שטראַלן,
גוט צו זיַין אַ טיפער וואַסער,
ברויזן, הייבן זיך און פאַלן.

(פון וויַיטן הערט זיך אַ בילן פון אַ הונט און אַ שטימע. טריט דערנענטערן זיך. עס קומט אָן דער אַלטער שומר מיט זיַין הונט, דערזעט די קינדער און בלייבט שטיין. די קינדער רינגלען אים אַרום).

שומר: וואָס איז דאָס? איר זענט גאָר גע-
בליבן? אַלע זיַינען דאָך אַוועקגעפאָרן.
איַי, קינדער, שטיפער, שוין זאָלט איר
שרייַט און צעהוסט זיך).

חיים: מיר האָבן באַשלאָסן דאָ בלײַבן. מיר
ווילן ניט זיַין אין שטאָט.

דוד: מיר װעלן דאָ אַרבעטן און לעבן.
שרה און רותי: מיר װעלן שוין גוט לעבן
דאָ. מיר װעלן די אַרבעט צעטײלן.
יעדערער װעט טאָן עפּעס אַנדערש.
שומר: איז װאָס־זשע, װעט איר גאָר קײן
מורא ניט האָבן, איר, אַזעלכע... אײַ!
טע... טע... טע... (פֿאַרהוסט זיך).
װאַלד־שטימע: (קומט אָן)
מיט מײַן גראָבן שטעקן
קלאַפּ איך אָן אין אַלע עקן,
נעמט דער װאַלד מיך שרעקן
בו, הו, האַ!
(די קינדער רינגלען אַרום דעם אַלטן שומר).
שומר: אײַ, דו אַלטער נאַר, פּוסט געשרײ,
שרעק די קינדער ניט און גײ,
גײ אין אַלע עקן,
פֿלעדערמײַז צו שרעקן.
קינדער, האָט קײן מורא ניט,
איך װעל זײַן מיט אײַך!

(די קינדער רינגלען אים אַרום אין אַ קרײַז און שרײַען:
„העי, אַלטער, העי, שומר!" דער הונט שטעלט זיך אויף
די פֿאָדערשטע פּיסלעך און לעקט דעם אַלטן. די קינדער

גלעטן דעם הונט.

שומר: קינדער, איך בין שוין לאַנג דאָ אין
קעמפּ. יעדן ווינטער בלײַב איך דאָ אַליין
מיט מײַן הונט. ס'איז אומעטיק אַליין.
ווען אַלע קינדערשע שטימען ווערן מיט־
אַמאָל שטיל. איצט וועט פרײלעך זײַן.

אַלע: דו וועסט אונדז מעשיות דערציילן פון,
וועלדער און חיות, פון ווינטן און שנייען,

שומר: ווינטער, ווען דער שניי וועט ליגן
אונטער די פענצטער ווי אַ גרויסער
ווײַסער בער. וועל איך מעשיות דער־
ציילן. איר וועט שווײַגן, הערן, און
אַמאָל לאַכן. ביז דער שניי וועט אַוועק
און דער וואַלד וועט גרין און יונג ווערן.

חיים: (שטעלט זיך אויף אַן אָפּגעהאַקטן שטאַם פון
א בוים. אלע קינדער קוקן ארויף צו אים.)
מיר וועלן דאָ פאַרבלײַבן,
האָלץ אין וואַלד אָנקלײַבן,
ווינטער פײַער מאַכן,
שפּילן, אַרבעטן און לאַכן.

וואַלד־שטימע: (גייט ווייט אין וואַלד און

ווינט. דאָס קול קלינגט אָפּ פּוסט און הילכיק
צווישן די ביימער. רעדט)

**איך גיי אַרום אין אַלע עקן,**
**פֿלעדערמייַז צו שרעקן.**

(עס קימען צרויס אַלע חיות, וואָס האָבן פֿריער געטאַנצט, צעשטעלן זיך אין ווינקלען אין פֿאַרשיידענע פּאָזן. זיי פֿאַרשטעלן דעם גאַנצן וואַלד. די קינדער-גרופּע מיטן שומר און דעם הונט געפֿינען זיך אין מיטן סצענע אויף העכערע פּלעצער. חיים — איבער זיי אַלע אויפֿן שטאָם. וואַלד-שטימע ווײַנט. אַ ווינט בלאָזט. די גאַנצע גרויסע גרופּע טאַנצט טיילן פֿון זייערע פֿריערדיקע טענץ. די ביימער בייגן די צווייגן, ווי זיי וואָלטן געוואָרנט די קינדער.

**פֿ אָ ר ה אַ נ ג.**

**באַמערקונג:** מוזיק צו די לידער „סוף זומער״ און „העזעלעך״ אין דער לידערזאַמלונג „אונטער די גרינינקע ביימעלעך״ פֿון ש. באַסטאָמסקי.

אכטונג, שולן!

נאָר וואָס דערשינען

אַ נייע פאַרגרעסערטע און גרינטלעך

איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע

פון דער כרעסטאָמאַטיע

# לעבעדיקע קלאַנגען

פאַרן III-טן לערניאָר

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

נייער מאַטעריאַל.

גרעסערער שריפט.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Wilno, Stefańska 24, m. 28.

ביבליאָטעק „גרינינקעביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעריע נ׳ 2

# דאָס גאָלדענע קײַקעלע

(אַ קינדערשפּיל אין 3 אַקטן)

אינסצעניזירט פון מ. טאַבאַטשניק
יאָהאַנעסבורג, דרום אַפריקע).

ווילנע
פאַרלאַג „נײַע יידישע פאָלקסשול"
1931

Printed in Poland.

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

M. Tabacznik.

# Złote kółko

Sztuka dla dzieci w 3-ch aktach.

Drukarnia „Expres" Wilno, Wielka 33.

## אָנטיילנעמער:

טאַטע (חיים),
מאַמע (אידאַ),
משהלע (אהרן),
חנהלע (פריידעלע),
אליהו הנביא (עליק),

מלכה,
שרהלע,
קיילע,
פּעסקע,

נאָך חברים און חברטעס פון משהלען און חנהלען:

# ערשטער אַקט.

די בינע שטעלט פֿאָר אַ קלוב-צימער ביי אַ שול, קינדער שפּילן זיך פֿאַרשיידן: טייל לייענען, טייל שרייבן, מאָלן, אַרבעטן א. א. וו.

אינמיטן צימער שפּילן זיך אַ טייל קינדער אין קאַראַהאָד (מיט געזאַנג). ווען די קינדער ענדיקן דאָס שפּיל.

קיילע: איר ווייסט, קינדער, נאָכדעם ווי דער לערער האָט אונדז נעכטן דערציילט די מעשהלע מיטן גאָלדענעם קײַקעלע, האָב איך לאַנג געטראַכט, אפשר וועלן מיר דאָס קענען פֿאָרשטעלן. אָבער איך ווייס ניט ווי אַזוי

מלכּה: וואָס איז דאָ פֿאַראַן אַזוי צו וויסן? מיר דוכט, אַז מע קען דאָס פֿאָרשטעלן גאַנץ איינפֿאַך!

פּעסקע: געוויס! מע קען דאָס אײַנטיילן אין צוויי בילדער: דאָס ערשטע בילד – בײַם אָרעמען האָלצהעקער אין הויז, דאָס צווייטע בילד – אין וואַלד, ווו זיי געפֿינען זייערע קליידער.

קײלע: נײן, דאָס איז ניט קײן שײנער סוף. אויב די שפּיל װעט זיך ענדיקן אין װאַלד, דאַן—װי אַזוי װעלן זיך זײער טאַטע־מאַמע דערװויסן, אַז זײ האָבן באַקומען שײנע זאַכן?

מלכּה: אָ, איך װײס שױן. אויב אַזוי, מוז מען נאָך צוגעבן אַ דריט בילד: װי זײ קומען צוריק אַהײם און זײער טאַטע־מאַמע דערקענען זײ ניט, און נאָכדעם דערצײלן זײ די גאַנצע מעשה.

חײם: אַלזאָ, איך האָב שױן דעם ריכ־טיקן פּלאַן: דער ערשטער אַקט קומט פאָר בײַם האָלצהעקער אין הויז, דער צװײטער — אין װאַלד, אין שטיבעלע, און דער דריטער אַקט — װידער בײַם האָלצהעקער.

פרײדעלע: אײַ, שאַ, מע דאַרף דאָך האָבן אליהו הנביאן אויך?

עליק: אַװדאי, פרײדעלע, מע דאַרף דאָך האָבן אליהו הנביאן, דעם האָלצהעקער, זײַן װײַב, בײדע קינדערלעך און נאָך...

אידאַ: אײַ, טאַקע, קינדער, לאָמיר דאָס פאָרשטעלן!

מלכּה: ס'איז טאַקע אַ גוטער פּלאַן, לאָמיר דאָס פאָרשטעלן! אָבער איר אַלע, קינ־

דער, מוזט זײַן זייער שטיל!

אַלע: מירן זײַן שטיל.

עליק: ווייסט איר גאָר וואָס, קינדער, זאָל חיים אײַנטיילן די קינדער, וועלכע ס׳וועלן שפּילן, און די איבעריקע זאָלן זיך צעזעצן אָן דער זײַט און זײַן דאָס פּובליקום.

אַלע: גוט, גוט!

חיים: גוט! איך וועל זײַן טוביה דער האָלצהעקער, — דער טאָטע. דו, אידאַ, וועסט זײַן די מאַמע. אַהרעלע וועט זײַן — משהלע. פריידעלע וועט זײַן — חנהלע. עליק וועט זײַן — אליהו־הנביא און די אַלע איבע־ריקע קינדער וועלן זײַן חברים און חברטעס פון משהלען און חנהלען.

מלכּה: שאַ, קינדער. איך לייג נאָך פאָר, אַז פון אָנפאַנג צווייטן אַקט, אין וואַלד, אין שטיבעלע, ווען משהלע מיט חנהלען שלאָפן, זאָלן קומען רויטע יידעלעך און אײַנשלעפערן זיי מיט געזאַנג און טענץ.

אַלע: דאָס וועט טאַקע זײַן זייער שיין!

מלכּה: גוט! טאָ גייט איר דערווײַל זיך אָנטאָן און מיר וועלן דאָ צוגרייטן די סצענע.

די שפּילער, אָן א זייט, טוען זיך אָן: דער טאַטע — א לאַנגן רעקל, די מאַמע — א לאַנגע קלייד מיט א טיכל, אליהו־הנביא גייט אַרויס. די עלטערע קינדער שטעלן

צוועק אַ טיש אינמיטן סצענע, זעצן פונאַנדער די איבעריקע קינדער אַן אַ זייט, אַלע בלייבן רויק. די שפּיל הייבט זיך אָן.

**טאַטע:** (נעמט אַ ספר אין האַנט, זעצט זיך ביים טיש, לערנט).

**מאַמע:** (נעמט זיך צום פאַרריכטן חנהלעס אַן אַלט קליידעלע. משהלע און חנהלע זעצן זיך באַזונדער אין אַ ווינקעלע און שפּילן זיך).

**חנהלע:** מאַמע, ווען וועלן מיר שוין עסן? איך בין אַזוי הונגעריק!

**משהלע:** און איך אויך. גיב אונדז, מאַמינקע, כאָטש אַ שטיקעלע ברויט! וועסט עסן, חנהלע?

**חנהלע:** יאָ.

**מאַמע:** (זיפצט) שפּילט זיך דערווײַל, קינדערלעך, איר וועט שפּעטער עסן.

**טאַטע:** קינדערלעך, איר וועט זיך שוין הײַנט לייגן שלאָפן אַזוי, דערפאַר וועט איר שוין מאָרגן עסן.

**מאַמע:** יאָ, קינדערלעך. איר ווייסט דאָך, דער טאַטע איז הײַנט קראַנק, האָט אין וואַלד ניט געקאָנט גיין, האָט קײַן האָלץ ניט אָנגעהאַקט און גאָרניט פאַרדינט הײַנט. דערפאַר מאָרגן וועט אײַך דער טאַטע ברענגען צו בייגל און איר וועט עסן מיט זיסע טיי.

**משהלע:** גוט, מאַמינקע, וועלן מיר זיך

נאָך צביסעלע שפּילן און מיר וועלן גיין שלאָפן. יאָ, חנהלע?

חנהלע: יאָ! און מאָרגן וועט דער טאַטע אונדז ברענגען שיינע זאַכעלעך. פאַר דיר־אַ פערדעלע און דו וועסט פאָרן אויף אים, און פאַר מיר־אַ ליאַלקעלע... און דו וועסט מיך נעמען פאָרן אויף דיין פערדעלע?

משהלע: יאָ!

חנהלע: און איך וועל מיין ליאַלקעלע אויך נעמען און מיר וועלן פאָרן ווייט־ווייט־ווייט. און מיר וועלן זיך שפּילן און ס'וועט זיין אַזוי שיין. יאָ, משהלע?

משהלע: יאָ, אַן אמת, מאַמעניו?

מאַמע: יאָ, מיינע טייערע קינדערלעך! מיר פאַר אייערע ביינדעלעך. וואָס פאַר אַ גוטינקע קינדער איר זייט.

טאַטע: קינדער האָט אונדז גאָט געשענקט ווילינקע און געראָטענע. אָבער ווי נעמט מען פאַר זיי אויף צו שטילן דעם הונגער? אָט קומט באַלד יום טוב און די קינדער גייען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. אַלע חברים און חבר־טעס זייערע וועלן זיך אָנטאָן נייע בגדימלעך, און אונדזערע וואָס? אוי, ס'איז מיר אַ צער צו קוקן אויף זיי.

מאַמע: זאָרג זיך ניט, טוביה. פאַרזינדיק ניט, חלילה, מיט דײַנע רייד!

חנהלע: מאַמעניו, און אַ קליידעלע אויף יום־טוב וועסטו מיר אויך מאַכן?

משהלע: און מיר אַ גאַרניטערל אויך?

מאַמע: (זיפצט) איך ווייס ניט, קינדערלעך, אפשר?.. אַז דער טאַטע וועט געזונט ווערן, וועט אָנהייבן פאַרדינען...

קינדער בלייבן זיצן אומעטיק. מע קלאַפּט אין טיר. טאַטע עפנט. עס קומט אַריין אליהו־הנביא, אָרעם געקליידעט, אַ זאַק אויפן פּלייצע, אַ שטעקן אין האַנט, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד.

אליהו: אַ גאָט העלף אײַך! וווינען דאָ יידן? קאָן מען בײַ אײַך אַביסל אָפּרוען, אַ שטיקל ברויט געפינען, דעם הונגער צו שטילן?

טאַטע: קײַן רײַכע מענטשן זײַנען מיר ניט. איין בעטל פאַר די קינדער צום שלאָפן און אַ שטיקעלע שוואַרץ ברויט איבערגעלאָזט פאַר די קינדער אויף מאָרגן. אָבער קומט צרײַן! וואָס מיר האָבן, וועלן מיר זיך דערמיט טיילן. מע קען דאָך אַ מענטשן ניט לאָזן פאַר הונגער שטאַרבן. זיצט, און מיר וועלן אײַך גיין צוגרייטן עפּעס עסן און נאַכטלעגער.

ער און מצמע אפ. אליהו זעצט זיך. קינדער קוקן פאר־וווּנדערט אן דעם ארעמאן, אומעטיק.

**אליהו:** וואס זיצט איר אזוי אומעטיק, קינדערלעך?

**משהלע:** ווי אזוי זאלן מיר ניט זיין אומעטיק?.. אלע קינדערלעך וועלן האבן שיינע זאכן אויף פסח און מיר ניט. אונדזערע חברים וועלן זיך שעמען מיט אונדז צו שפּילן, און הונגעריק זײַנען מיר אויך. (וויינט זיך פּו־נאנדער. אויך אים קוקנדיק,—חנהלע).

**אליהו!** וויינט ניט, קינדערלעך! נאט אײַך צוויי שיינע גאלדענע קײַקעלעך און שפּילט זיך מיט זיי.

הייבט זיך לאנגזאם אויף, באוועגט זיך צום טאקט פון מוזיק צו די קינדער. קינדער פארגאפט הייבן זיך אויף, טרעטן אפּ צוריק. אליהו שטרעקט אויס ביידע הענט, אין וועלכע ס'גלאנצן אפּ צוויי גאלדענע קייקעלעך. ער גיט זיי די קינדער. משהלע און חנהלע באטראכטן די קייקעלעך אנטקעגן פּובליקום, שרייען אויס מיט פרייד: „אוי, טאקע אמתע, גאלדענע קייקעלעך!" די קייקעלעך פאלן ארויס פון זייערע הענט. זיי שרייען אויס: אוי! אליהו פארשווינדט, מוזיק שפּילט.

פ א ר ה א נ ג.

---

## צווייטער אקט.

די סצענע שטעלט פאר דאס שטיבעלע אין וואלד: דער מיטן סצענע—אפגעטיילט מיט א שפאנישן ווענטל. אין איין צימער—צוויי שיינע בעטעלעך, אויף וועלכע ס׳שלאפן די קינדער. אין צווייטן צימער—א טיש, אויף וועלכן עס ליגן גאלדענע קליידער פאר משהלען און חנהלען. א שפיגל אויף דער וואנט.

ווען דער פארהאנג עפנט זיך, שפילט די מוזיק דעם אריינפיר צום ליד פון די רויטע יידעלעך. לויטן טאקט באוועגנדיק זיך שטיל אויף די שפיצן פינגער, קומען אן רויטע יידעלען, שטעלן זיך ארום די קינדערשע בעטעלעך, אליהו הנביא אין דער מיט, זינגען:

קינדער גוטע, קינדער שיינע, ווער האט
  אייך געבראכט
דא צו אונדז אין קליינעם שטיבל אין
  א שפעטער נאכט?
נאר ווער ס׳זאל אייך דא נישט ברענ-
  גען, זייט איר גוטע געסט,
שלאפט זיך אויס געשמאק און רויק
  און די זארג פארגעסט.

מאָרגן וועלן מיר מתנות שענקען אײַך
א סך
און אַרויספירן אײַך העלפן צו דעם
ברייטן שליאַך...
שלאָפט זשע, שלאָפט זשע, קלײנע קינ־
דער, שלאָפט זיך רויִק אויס,
מאָרגן וועט איר שוין געפינען גיך דעם
וועג צו אײַער הויז...
(נאָכן טאַנצן אָפּ):

**משהלע:** (כאַפּט זיך אויף, רײַבט די אייגלעך,) קוקט זיך ארום, ווו ער איז; וועקט חנהלען) חנהלע, חנהלע, שטיי אויף!

**חנהלע:** (כאַפּט זיך אויף, רײַבט די אייגלעך) אוי, משהלע, ווו זײַנען מיר?

**משהלע:** (טראַכט אַ ווײַלע) איך ווייס שוין. דו געדענקסט, חנהלע? נעכטן בעת דער אַל־טינקער יידעלע האָט אונדז געגעבן די גאָלדענע קײַקעלעך, האָבן זיי זיך אַרויסגע־גליטשט פון אונדזערע הענט און זיך אַוועק־געקײַקלט. מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן נאָך זיי. זיי האָבן זיך געקײַקלט און געקײַקלט און מיר זײַנען נאָכגעלאָפן נאָך זיי, ביז זיי האָבן זיך אַרײַנגעקײַקלט אין וואַלד. און דאָ האָבן זיי זיך אַרײַנגעקײַקלט אין שטיבעלע און

מיר זײַנען אויך אַרײַנגעלאָפן נאָך זיי. מיר זײַנען מיר געווען, און ווי מיר האָבן דערזען די בעטעלעך, זײַנען מיר אַנידערגעפאַלן אויף זיי און גלײַך אײַנגעשלאָפן.

חנהלע: און מיר האָט זיך אַ חלום געחלומט: רויטע יידעלעך זײַנען דאָ געווען, האָבן געזונגען און געטאַנצט אַרום אונדז, אוי, עס איז אַזוי שיין געווען...

משהלע: אוי, חנהלע, מיר האָט זיך אויך דאָסזעלבע געחלומט!..

חנהלע: (אומעטיק) אָבער ווי וועלן מיר איצט קומען אַהיים צום טאַטן־מאַמען? (וויינט).

משהלע: וויין ניט, חנהלע, מיר וועלן בעטן די קײַקעלעך, וועלן זיי אונדז אַוועקפירן אַהיים. אָבער וואַרט, אָט איז אַ טירעלע, לאָמיר אַרײַנגיין אַ קוק געבן, וואָס איז דאָרט?

חנהלע: איך האָב מורא!

משהלע: האָב ניט קיין מורא, חנהלע, איך וועל גיין דער ערשטער. (נעמען זיך פאַר די הענט. משהלע פאַרויס, גייען אין שרעק).

משהלע: אוי, חנהלע, זעסט סאַראַ שיינער רעקעלע, און הייזעלעך, און אַ היטעלע, און גאָלדענע שיכעלעך!..

חנהלע: און אָט איז אַ גאָלדענע קליי־

דעלע, און אַ היטעלע, און גאָלדענע שיכעלעך!..

משהלע: לאָמיר זײַ אָנמעסטן.

חנהלע: גוט! (טוען אָן די קליידער)

משהלע: אַקוראַט אויף מיר!

חנהלע: אַקוראַט אויף מיר!

ביידע: (טאַנצן אונטער פון שמחה) אוי, ווי גוט, אוי, ווי גוט!

משהלע: חנהלע, ווי זע איך אויס?

חנהלע: פונקט ווי אַ פּרינץ! און ווי זע איך אויס?

משהלע: פונקט ווי אַ פּרינצעסין!

ביידע: אוי, ווי גוט! אוי, ווי שיין!

חנהלע: קום, לאָמיר לויפן גיכער אַהיים, צו טאַטע-מאַמען. (אומעטיק) אָבער ווי אַזוי וועלן מיר טרעפן דעם וועג?

משהלע: זײַ ניט אַזוי אומעטיק, חנהלע. דו געדענקסט, ווען עס האָבן זיך אונדז געחלומט די רויטע יידעלעך, האָבן זיי אונדז געזונגען: „מאָרגן וועט איר שוין געפינען גיך דעם וועג צו אײַער הויז". (זינגט)

חנהלע: (אומעטיק) יאָ, איך געדענק.

משהלע: קום, לאָמיר בעטן די קײַקעלעך (גייען אַריין אין צווייטן צימער, בויגן זיך איין צו די קייקעלעך).

ביידע: קײַקעלע, דו שיינס,
קײַקעלע, דו קליינס, פיר אונדז
פון וועלדעלע צום טאַטע-מאַמעס (3 מאָל)
שטיבעלע!

פון אונטערן בעט קייקלען זיך ארויס די קייקעלעך צום בעט

ביידע: (פאר די הענטלעך) גיכער אַהיים
צו טאַטע-מאַמען! (זינגען)

גיכער, שנעלער, דער טאָג ווערט העלער,
פײַל פון בויגן, גיך געפלויגן,
גיכער, שנעלער, דער טאָג ווערט העלער,
פײַל פון בויגן, גיך געפלויגן...

פאָרהאַנג.

## דריטער אַקט.

ציים האַלצהעקער אין הויז. דער טאַטע זיצט איבער אַ ספר, טרויעריק. די מאַמע גייט אום איבערן שטוב צעטראָגן, ברעכט מיט די הענט.

מאַמע: וויי איז מיר, וויי איז מיר! וואו זיינען די קינדער? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?

טאַטע: אַז די גאַנצע זאַך איז מיר עפּעס אַ רעטעניש: געקומען אַן אָרעמאַן, געבעטן צום עסן און אָפּרוען, און ווי מיר האָבן זיך נאָר אָפּגעקערט, אַזוי איז ער נעלם געוואָרן מיט די קינדער.

מאַמע: אָבער וואָס זשע זיצסטו? לויפט עפּעס! איך וועל דאָס ניט אַריבערטראָגן, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן! מיינע צוויי בריליאַנטן, מיינע צוויי אויגן אין קאָפּ!

טאַטע: וואָס קען איך נאָך טאָן? אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס: שוין אויסגעווען, ווו דו ווילסט נאָר אַליין, אין גאַנץ שטעטל געווען, אַלעמען פון די בעטן אויפגעוועקט, וואָס קען איך נאָך טאָן?

מאַמע: וויי איז מיר, וויי איז מיר!

(ברעכט די הענט)

ס'קומען אריין צווי קינדער, אַ יינגעלע און אַ מיידעלע.

מיידעלע: ווו איז חנהלע? איך וויל איר באַווייזן די נייע כּוסות, וואָס די מאַמע האָט געקויפט אויף יום טוב, טאַקע מיט גאָלד!

יינגעלע: ווו איז משהלע? איך וויל אים באַווייזן מיין נייעם גאַרניטערל, וואָס מע האָט מיר געמאַכט אויף פּסח!

מאַמע: ניטאָ מיינע קינדערלעך! פאַרפאַלן געוואָרן, וויי איז מיר!

יינגעלע: אָ, איך ווייס. מסתמא, אַוועקגעגאַנגען קויפן ניס צום שפּיל. קום, מירעלע, מירן גיין זיי ברענגען!

גייען אַפּ אומעטיק. ס'גייען אריין אַנדערע 4 קינדער.

ערשטע: נאָך ניטאָ משהלע און חנהלע?

צווייטע: נאָך ניט געקומען?

דריטע: ווו זיינען זיי דאָס אַוועק?

פערטע: אַבי מיר האָבן זיך געוואָלט

שפּילן מיט זיי.

מאַמע: ניטאָ! קינדערלעך, האָט רחמנות, גייט אַרויס אין שטעטל, אפשר וועט איר זיי געפינען.

איינער: גוט! מיר וועלן טאַקע גיין און מיר וועלן טאַקע געפינען. איר וועט זען, קומט קינדער!

אַלע: (אַרויסגייענדיק) מיר וועלן זיי געפינען און מיר וועלן זיי ברענגען! (אָפּ).

מאַמע: נו, טוביה, וואָס וועט זײַן? מײַנע טײַערע קינדערלעך, מײַנע בריליאַנטן! (פון דרויסן הערט זיך א טומל פון קינדער) געקומען! געקומען!

עס לאָזן זיך אַרײַן אַ גאַנצע כאַפּטע קינדער, פאַרויס — משהלע און חנהלע אין זייערע שיינע קליידער.

משהלע: } טאַטעניו! מאַמעניו!
חנהלע: }

טאַטע: (שטייט אויף אַ צעטומלטער)

מאַמע: ווו זײַנען מײַנע קינדער? ווער איז דאָס דער פּרינץ, און ווער איז די פּרינצעסין?

משהלע: טאַטעניו! מאַמעניו! איר דערקענט מיך ניט? איך בין דאָך אײַער ייִנגעלע משהלע.

חנהלע: מאַמעניו, דו דערקענסט מיך ניט? איך בין דאָך דײַן מיידעלע חנהלע! קוק זיך גוט אײַן אין אונדזערע פּנימער.

טאַטע: }
מאַמע: } (קוקן זיך גוט איין אויף זיי. דערקענען זיי; נעמען זיי אַרום. קושן זיי, טײַערע קינדערלעך!

מאַמע: ווו זײַט איר דאָס געווען, און וואָס זײַנען דאָס פּאַר שיינע קליידער אויף אײַך?

טאַטע: ווו האָט איר זיי גענומען?

משהלע: (דערציילט) הער, טאַטעניו! הער, מאַמעניו! ווי איר זײַט נעכטן אַרויס צוגרייטן פֿאַרן אָרעמאַן עפּעס עסן, אַזוי איז ער גלײַך צוגעגאַנגען צו אונדז און האָט אונדז געגעבן צוויי גאָלדענע קײַקעלעך. מיר האָבן זיך געוואָלט נעמען שפּילן מיט זיי, האָבן זיי זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אונדזערע הענט און זיי האָבן זיך גענומען קײַקלען, זײַנען מיר געלאָפֿן נאָך זיי. האָבן זיי זיך אַרײַנגעקײַקלט אין וואַלד, אין אַ שיינינקער שטיבעלע. זײַנען מיר אויך אַרײַן אין שטיבעלע, האָבן מיר דערזען דאָרט צוויי שיינינקע בעטעלעך. מיד זײַנען מיר געווען, האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפֿן.

חנהלע: האָט זיך אונדז געחלומט, אַז רויטינקע יידעלעך האָבן געזונגען און געטאַנצט אַרום אונדז.

משהלע: און ווי מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן מיר דערזען אַ טירעלע. זײַנען מיר אַרײַן אַהין אין צימער. האָבן מיר דאָרט געפונען די גאָלדענע קליידער.

טאַטע: און ווי אַזוי האָט איר דעם וועג צוריק געטראָפן?

חנהלע: מיר האָבן געבעטן די גאָלדענע קײַקעלעך, האָבן זיי אונדז געבראַכט אַהער. אָט זײַנען זיי (גיבן דעם טאַטן).

טאַטע: (אויסער זיך) אוי, דאָס איז דאָך אליהו-הנביא געוועזן!

מאַמע: אליהו-הנביא!

קינדער: אליהו-הנביא!

טאַטע: אויב אַזוי, איז לעבעדיק, קינדער, פריילעך זאָל זײַן! מיר וועלן האָבן, אַ דאַנק גאָט, אַ פריילעכן יום-טוב! (אַלע זינגען).

(פאָרהאַנג).

אַכטונג, שולן!

נאָר וואָס דערשינען

## אַ נייע פאַרגרעסערטע און גרינטלעך

## איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע

## פון דער כרעסטאָמאַטיע

# לעבעדיקע קלאַנגען

## פאַרן III־טן לערניאָר

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

נייער מאַטעריאַל.

גרעסערער שריפט.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Wilno, Stefańska 24, m. 28.

אַבאָנירט דעם איינציקן 2=וועכנטלעכן
אילוסטרירטן יידישן קינדער=זשורנאַל

# „גרינינקע ביימעלעך"

אוּן דעם חודש=זשורנאַל פאַר
עלטערע קינדער און יוגנט

# „דער חבר"

ביידע זשורנאַלן דערשיינען אין ווילנע
אונטער דער רעדאַקציע פון **ש. באַסטאָמסקי.**

**די „גרינינקע ביימעלעך" און „דער חבר"**
**האָבן פאַרדינט די אַלגעמיינע אָנערקענונג**
**פון אַלע פריינט פון יידישן וואָרט און**
**יידישן קינד אין דער גאַנצער וועלט.**

**אַבאָנעמענטס=פּרייז** פון די **„גר. ביימעלעך":**
פאַר פוילן; אַ יאָר (20 נומ׳)—7 ג. 1/2 יאָר (10 נ׳)—4 ג.
„ אויסלאַנד „ (10 נ׳)—1.20 דאָל. „ (10 נ׳) 60 ס.

**אַבאָנעמענטס=פּרייז פון „חבר":**
אַ יאָר (10 נומערן)—4 גילדן אַ 1/2 יאָר—2 גילדן.
אויסלאַנד — 60 טענט אַ יאָר.

**אַדרעס פון דער רדאַקציע=אַדמיניסטראַציע:**
S. Bastomski, Wilno, Stefańska 24, m. 28

קאָמפּלעטן „דער חבר" אין פּאַפּקעס אַ יאָרגאַנג 5 גילדן

קאָמפּלעטן „גר. ביימעלעך" אין פּאַפּקעס 8 גילדן

# לאָטאָ־שפּיל

# „רעטעניש"

צונויפגעשטעלט

פון ש. באַסטאָמסקי.

## באַמערקונגען צום שפּיל

— און —

## ענטפערס צו די רעטענישן

פ אַ ר ל אַ ג

„די נייע יידישע פאָלקסשול"

ווילנע

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעריע ג׳ 2

מ. באַרכאַש.

# ביי די שרעטעלעך

(אַ פאַנטאַסטישע קינדערפּיעסע אין 3 בילדער)

ווילנע
פאַרלאַג „נײַע יידישע פאָלקסשול"
1931

Printed in Poland.

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

M. Barchasz.

# U krasnoludków

Sztuka fantastyczna dla dzieci

Drukarnia „Expres" Wilno, Wielka 33.

## ס׳געמען אַנטייל:

| | |
|---|---|
| הערשעלע — 8 יאָר אַלט | שול־קינדער |
| רחלע — — 9 יאָר אַלט | |
| אייזיקל — 10 יאָר אַלט | |
| חיהלע — 10 יאָר אַלט | |

דעמבעלע — אַ שליח פון די שרעטעלעך

קנאַקניסל — דער הויפּמייסטער אין קיניגלעכן פּאַלאַץ ביי די שרעטעלעך.

האָניק־לעקער — דער שר־המשקים ביים קיניג.

שרעטעלעך — פייעלעך — שולקינדער.

דאָס 1־טע און 3־טע בילד שפּילט זיך אָפּ אין אַ וואַלד. דאָס 2־טע — אין פּאַלאַץ ביים קיניג פון די שרעטעלעך.

## ז בילד.

א פרייער פלאַץ אין וואַלד; אַן דער זייט — אַ בערגל, אויף וועלכן ס'וואַקסט אַ קשאַק. אַז דער פאָר־האַנג הייבט זיך אויף, הערט זיך אַ געזאַנג פון קינדער. זיי זינגען אַ פרילינגסליד.

הערשעלע: קינדער! קינדער! לאָמיר שוין אָפּרוען! איך בין שוין אַזוי מיד, און דער קאָפּ טוט מיר וויי.

רחלע: גוט, לאָמיר אָפּרוען! מיר וועלן זיך צעלייגן דאָ אויפן גרינעם גראָז. יעדער וועט אַרויסנעמען זיין עסן, און מיר וועלן מאַכן אַ סעודה.

הערשעלע: אָבער אַהיים וועלן מיר נאָך ניט גיין. ערשט ווען די זון וועט זיך אַראָפּלאָזן, וועלן מיר גיין אַהיים. איך האָב אַזוי ליב צו קוקן אויף דער זון, ווען זי פאַר־גייט!.. דער הימל ווערט דעמאָלט רויט, רויט...

און די זון זעט אויס, ווי אַ פייערדיקע קויל.

אייזיקל: קינדער! ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר גיין טיף אין וואַלד אַריין, ווען מיר געפינען אַ בער.

חיהלע: זע נאָר! אַ בער זאָל דיך נים געפינען, ער וועט דיך נאָך אויפעסן!

אייזיקל: אַזוי! איך האָב גאָרנים מורא פאַר קיין בער. איך האָב שוין געזען אַ בער. אַ ציגיינער האָט אים אַרומגעפירט אויף אַ קייט. דער ציגיינער האָט געשפילט אויף אַ פידל און דער בער האָט געטאַנצט. איך האָב אים אָנגערירט, און ער האָט מיר גאָרנישט נים געטאָן. ער האָט זיך נאָך פאַר מיר דערשראָקן.

חיהלע: (פאַרוואונדערט) אַזאַ שטאַרקער ביסטו?!

רחלע: און אַ בייזן וואָלף האָסטו שוין געזען?

אייזיקל: יאָ, געזען — ווינטער אין אַ וואַלד...

הערשעלע: אָבער אַ שרעטעלע האָט נאָך קיינער נים געזען.

רחלע: און דו האָסט געזען?

הערשעלע: יע! אויף בילדלעך. מיין

כאמע האָט מיר געוויזן. מיין מאמע האָט מיר אַזוינע שיינע מעשיות דערציילט וועגן שרע־טעלעך!..

חיהלע: ווי אַזוי זעען זיי אויס די שרעטעלעך?

הערשעלע: אַ שרעטעלע איז אַ קליין מענטשעלע מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד. און אַ שטאַרקער איז ער! אוף! אַ גיבור! מיט די וואָרצלען קען ער אויסרייסן ביימער.

אייזיקל: אַזוי! אַזוי שטאַרק איז ער?

הערשעלע: יע! יע! קליין און שטאַרק.

חיהלע; ווער זיינען דאָס די שרעטעלעך?

הערשעלע: דאָס איז אַ פאָלק אַזאַ.

חיהלע: און קינדער האָבן זיי האָלט?

הערשעלע: זייער האָלט. און שפּילן זיך מיט זיי אַזוי שיין!

רחלע: און דו וואָלסט זיך געוואָלט מיט זיי שפּילן?

הערשעלע: יע! איך וואָלט געוואָלט, נאָר נאָך מער וואָלט איך וועלן זיין ביי זיי אַ קיניג, זיי זאָלן אַלע צו מיר געהערן.

אייזיקל: קינדער! ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר בעסער גיין זוכן פייגלשע אייער.

רחלע: גיין! גיין! בלומען רייסן!

אלע: קינדער! קומט בלומען רייסן!

אלע קינדער צעלויפן זיך. הערשעלע בלייבט אליין. ער לייגט זיך אוועק אויפן גראז, אויפן בערגל אונטער א קוסט. קלערט א ווילע און ווערט אנטשלאפן. אין א ווילע ארום קומט צו גיין דעמבעלע.

דעמבעלע: (פארנויגט זיך) איך בין דעמבעלע, דער שליח פון די שרעטעלעך. מיר האָבן געהערט דיין ווונטש, אז דו ווילסט זיין ביי אונדז א קיניג. האָט מען מיך דאָס געשיקט צו דיר, דיך צו ברענגען אין אונדזער לאנד, וואָס געפינט זיך טיף, טיף אין וואלד. איינזאם איז איצט דער פאלאץ פון אונדזער קיניג. לאנג שוין, ווי ער איז אוועק פון אונדז און קומט נישט צוריק. קום מיט מיר!

(פארנויגט זיך און דעקט איבער הערשעלען מיט א ווייסער טוך. אויף דער בינע ווערט פינסטער).

פארהאנג פאלט.

## II בילד.

אין פאלאץ ביים קיניג פון די שרעפעלעך. דער זאל איז באפוצט מיט ג ר י נ ס. אן דער זייט שטייט א סאפקע, אין דער מיט אין הינטערגרונט — א גאלדענער טראן, באהאנגען מיט בלומען און גרינס. — הערשעלע ליגט אויף דער סאפקע און שלאפט. ס׳קומט אריין דער הויפמייסטער, ק נ א ק נ י ס ל, אנגעטאן ווי דער שליח. אן דער זייט טראגט ער א שווערד און אויף דער ברוסט — א גרינע לענטע. אין דער האנט האלט ער א לאנגן שטעקן, פארומגעפלאכטן מיט גרינס — דער סימן פון זיין אמט.

ק נ א ק נ י ס ל: (בוקט זיך) געבענטשט זאלסטו זיין, אַ גרויסער קיניג! אויפגעוועקט האָט זיך דער פאלאַץ פון שלאָף. אַלץ איז שוין וואַך.

די וועווערקעס שפרינגען שוין אַרום אויף די ביימער, די פייגעלעך פאַרהילכן שוין דעם וואַלד מיט זייער שיינעם געזאַנג. דער פוקס האָט זיך שוין אומגעקערט פון זיין פרי־מאָרגן יאַגד. אַלץ איז שוין וואַך און אַרבעט. די מוראַשקעס לעבן אַלטן דעמב שטייען שוין און לויפן אַרום. זיי טראָגן שוין אַרויס אויף דער זון די קליינינקע פּאַפּקעלעך. אפילו דער פוילער בער מאַרשירט שוין אַרום איבערן וואַלד און ברומט און דרייט מיט דער נאָז, זוכנדיק דעם געשמאַקן האָניק פון די ווילדע בינען. — נאָר דו, גרויסער האַר, און קיניג, שלאָפסט נאָך. (פאַרגייט זיך).

הערשעלע: (כאַפּט זיך אויף און קוקט זיך אום פאַרוואונדערט) האַ? וואָס?

קנאַקניסל: (בוקט זיך.) מיך רופט מען קנאַקניסל. איך בין דער הויפמייסטער פון ם קיניגלעכן פּאַלאַץ. — זאָג, אָ גרויסער קיניג, וואָס דו פאַרלאַנגסט, און אַלץ וועט באַלד מקוים ווערן.

הערשעלע: וואו בין איך?

קנאַקניסל: דו ביסט, אדוני מלך, אינם קיניגלעכן פּאַלאַץ פון די שרעטעלעך.

הערשעלע: ניין! דאָס איז דאָך נאָר אַ חלום!

קנאַקניסל: ניט קיין חלום איז דאָס, נאָר אַן אמת! מיר האָבן דערהערט דיין ווונטש, וואָס דו האָסט אַרויסגעזאָגט פאַר דיינע חברים, און מיר האָבן אים אויסגעפירט. דאָס איז שטענ־דיק אונדזער חוב אויסצופירן ווונטשן פון גוטע קינדער.

הערשעלע: איך האָב זיך דאָך געשפּילט מיט מיינע חברים אין וואַלד. — וווּ זיינען זיי?

קנאַקניסל: דיינע חברים שפּילן זיך ווייטער. זאָג, אַ קיניג, וואָס דו פאַרלאַנגסט, יעדער ווונטש דיינער וועט זיין פאַר אונדז אַ באַפעל.

הערשעלע: בין איך, הייסט דאָס, געוואָרן אַ קיניג פון די שרעטעלעך? און איך וועל דאָ קענען פאַרברענגען, ווי לאַנג איך וועל וועלן? און זיך שפּילן מיט אייך און טאַנצן, און זינגען און שפּרינגען? אוי, גוט! (פרייט זיך און קלאַפּט מיט די הענט.)

קנאַקניסל: אַלץ וועט זיין נאָך דיין באַרלאַנג! ווילסט אפשר זען דיינע שרעטעלעך? צי אפשר ווילסטו פריער, מע זאָל דיר ברענגען

דיין קרוין?

**הערשעלע:** יע! יע! אַלץ וויל איך! אַלץ!

קנאַקניסל שאַלט אין טרומייט. ס'מאַרשירן אַריין שרע־טעלעך. פאַרויס גייט דער פאָן־טרעגער. די פאָן איז געמאַכט פון בלעטער. הינטער אים טראָגט איינער אַ גאָל־דענע קרוין, באַצירט מיט גרינע בלעטער און בלומען. אַ צווייטער טראָגט אַ גרינעם סצעפטער. סײ די קרוין, סײ דער סצעפטער ליגן אויף רויטע קישעלעך. אַ דריטער טראָגט אַ פורפור־מאַנטל. הינטער זײ מאַרשירן שרעטע־לעך. דער פאָן־טרעגער גיט אַ סימן מיט דער פאָן, און אלע שרעטעלעך בוקן זיך און באַגריסן.

**אַלע שרעטעלעך:** (זינגען.)

הונדערט יאָר, הונדערט יאָר,
זאָל דער קיניג לעבן

(צוויי מאָל).

די שרעטעלעך שטעלן זיך אויס. דער הויפמייסטער טוט אָן הערשעלען די קרוין, דערלאַנגט אים דעם סצעפטער און טוט אים אָן דעם מאַנטל. דערנאָך פירט ער הערשעלען צו צום טראָן און זעצט אים אַוועק.

**איינער פון די שרעטעלעך:** (בוקט זיך). אין נאָמען פון אונדזער פאָלק, פון די שרעטעלעך, באַגריס איך דיך, גרויסער האַר און קיניג, און ווינטש דיר, זאָלסט לאַנג, לאַנג, איבער אונדז אין יושר און גערעכטיקייט

הערשן.

**אלע שרעטעלעך:** (הייבן די הענטלעך אינ־ דערהייך און זינגען).

הונדערט יאָר, הונדערט יאָר,
זאָל דער קיניג לעבן אונדז!
(צוויי מאָל)

**קנאַקניסל:** וואָס פאַרא ווונטש האָסטו איצט, אָ מעכטיקער הערשער?

**הערשעלע:** איך וויל זען, ווי אַזוי איר שפּילט זיך.

(קנאַקניסל אַראַנזשירט אַ שפּיל: „דער פוקס און די וועווערקעס". ער שטעלט אויס אַלע שרעטעלעך אין איין שורה. דאָס זײַנען די וועווערקעס. אַנטקעגן זיי פונדערווײַטנס—אַ שרעטעלע. דאָס איז דער פוקס).

**דער פוקס:** וועווערקעס! וועווערקעס! גיט מיר עסן. אַז ניט, — וועל איך אײַך דאָ אַלע באַלד אויפפרעסן און קיינעם ניט איבערלאָזן.

**וועווערקעס:** (זינגען).

קום! קום! פּיקסעלע!
עפן אויף ס׳פּיסקעלע!

דער פוקס װאַרפט זיך אויף זיי, און אין דעם מאָמענט פאַלן זיי זיך אויף צװיי שורות; דער פוקס פאַלט. די צװיי צעטײלטע שורות קומען זיך װידער גיך צונויף אויף דער אַנדערער זייט בינע און דער פוקס װאַרפט זיך אויף זיי װידער. זיי צעטײלן זיך נאָך אַמאָל און דער פוקס פאַלט װידער. נאָך יעדן פאַלן זינגען זיי.

װ ע װ ע ר ק ע ס: (זינגען)

כאַ—כאַ—כאַ — ביסט אַריין!
כאַ—כאַ—כאַ — דאָס איז פיין!

די שפיל חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל און צום סוף שטעלן זיך אַװעק הינטער דער שורה פון די שרעטעלעך צװיי שרעטעלעך, האַלטנדיק אַ זאַק אין די הענט. װען דער פוקס לויפט און די שורה שפּאַלט זיך, פאַלט ער אַריין אין זאַק אַריין. מען פירט אַרויס דעם פוקס, און אַלע שרעטעלעך פרייען זיך.

אַ ל ע ש ר ע ט ע ל ע ך: אָט אַזוי האָט מען דאָס אַריינגענאַרט אַ געשײַטן פיקסל אין זאַק אַריין.

ק נ אַ ק נ י ס ל: (װענדט זיך צום קיניג.) איצט װעט זיין אַ סעודה! האָניקלעקער, גיי מאַך די סעודה. אָבער קיין גוטע זאַכן זאָלן ניט פעלן! זאָלסט צוגרייטן די פרישסטע טױען, װאָס דו האָסט צונויפגעקליבן פון די שמעקעדיקע בלומען. פון אונדזערע שפּייכלערס זאָלסטו ברענ-

גען די זיסטע ניס און די געשמאַקסטע יאַגדעס!

האָניקלעקער: אַט לויף איך! (וויל אַפּגיין)

קנאַקניסל: וואַרט נאָר! זאָלסט אַקאָרשט ניט אויפנאַשן אויפן וועג דעם האָניק, דו האָ־ניקלעקער!

האָניקלעקער: אין אַזאַ יום־טוב וועל איך זיך שוין גוט אויפפירן. (גייט אָפּ און נעמט מיט מיט זיך עטלעכע שרעטעלעך צו הילף)

קנאַקניסל: און דו, דעמבעלע, גיי רוף אונדזערע פייעלעך. זיי דאַרפן היינט טאַנצן דעם שענסטן וואַלדטאַנץ פאַר אונדזער נייעם קיניג. אויך זאָלסטו זיך אַרייַנכאַפּן צו אונדזערע קלעזמאָרים: דעם סאָלאָוויי און דער לערכע, צום בער מיט זיין באַס און צום פעלדגריל.

דעמבעלע: איך לויף! (גייט אָפּ).

ס'לויפן אַריין האָניקלעקער. נאָך אים — שרעטעלעך, און טראָגן אַריין אַ געדעקטן טיש און צוויי בענק. דעם טיש שטעלן זיי אַוועק ביים טרון און די צוויי בענק — ביי ביידע זייטן פון טיש. קנאַקניסל זעצט זיך אַן דער זייט פון קיניג און די שרעטעלעך זעצן זיך אויס אויף די בענק. דער טיש איז באַשאָטן מיט אַ סך גרינע בלעטער. צווישן זיי ליגן שישקעס און ניס. די שרעטע־לעך קנאַקן די ניס. זיי רוקן אונטער דעם פאַרהונגערטן הערשעלע אַ ליימענע שיסל מיט ניס, ער זאָל עסן.

האַניקלעקער לויפט אַרום טיש און דערלאַנגט פּלעצ־
מען צום עסן. באַלד טראַגט ער אַריין אַ ליימענעם טאַץ
מיט וואַסער צום טרינקען. עס קומען צוגייאָ די פּייעלעך.
הינטער דער סצענע הערט זיך מוזיק. די פּייעלעך
טאַנצן דעם וואַלדטאַנץ.

הערשעלע: (נאָכן וואַלדטאַנץ) ליבע שרע־
טעלעך! איך בין זייער מיד און איך וויל זיך
לייגן שלאָפֿן. ווען איך וועל אויפשטיין, וועלן
מיר זיך ווידער שפּילן.

קנאַקניסל: (בוקט זיך) לויט דיין באַפֿעל!
(גיט אַ צייכן, אַלע שרעטעלעך שטעלן זיך אויף און
גייען אַוועק אַ צ זייט. קנאַקניסל גייט צו צו הערשע־
לען און טוט אים אויס די קרוין און דעם מאַנטל.

(דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט פּאַמעלעך).

## III בילד.

דעקאָראַציע — אַזוי ווי אין ערשטן בילד. הערשעלע ליגט אונטערן קוסט און שלאָפט. הינטער די קוליסן הערן זיך שטימען פון די קינדער.

שטימען: הערשל! הערשל! הערשל! אַהו! אַהו! הערשל! הערשל!

ס׳קומען אריין: חיהלע, נאָך איר—רחלע, שפּעטער— די איבעריקע קינדער.

חיהלע: וווּ קען ער זיין? שוין דעם גאַנצן וואַלד אויסגעזוכט און נישטאָ!

רחלע: איך האָב מורא... דיביימער רוישן אַזוי און ס׳ווערט שוין קאַלט.

אייזיקל: קומט אַהיים אָן הערשעלען.

חיהלע: אַזוי זאָגסטו? דו ביסט אַ

שלעכטער ייִנגל! ווען דו וואָלסט געבליבן אַליין אין וואַלד, וואָלט דיר גוט געווען? מיר מוזן אים אויפזוכן!

רחלע: יע! יע! מיר וועלן אים געפינען!

חיהלע: אָבער ווו קען ער זיין?

אייזיקל: (לאַכט) כאַ—כאַ—כאַ—מיר זאָלן וויסן!

חיהלע: ווי קענסטו נאָך איצט לאַכן?

אייזיקל: וואָס זשע, וויינען זאָל איך? מיידלעך וויינען תּיקף! מיר, ייִנגלעך, וויינען קיינמאָל נישט!

חיהלע (איראָניש) דו ביסט דאָך אַ העלד און אַ שטאַרקער!

אייזיקל: אפשר ווילסטו זיך מיט מיר שלאָגן? (וויל זי שלאָגן.)

חיהלע: (שרייט) מאַמע! מאַמע!

הערשעלע: (פון שלאָף שטיל) מאַמע! מאַמע!

(די קינדער קוקן זיך אום דערשראָקן.)

אייזיקל: זעסט, ווי זיי האָבן זיך דערשראָקן! (לאַכט) דאָס איז דאָך אַ ווידערקול אין וואַלד.

חיהלע: ניין! דאָס איז הערשעלעס שטימע.

הערשעלע: (שטיל פון שלאָף) מאַמע! מאַמע!

(די קינדער קוקן זיך ווידער דערשראָקן אום.)

רחלע: איך האָב מורא. (רוקט זיך אויף צוריק. אייזיקל גייט איר נאָך און לאָזט איר כּלומערשט נישט גיין. זי גייט אין דער ריכטונג צו הערשעלען. אייזיקל פאַרשטעלט איר דעם וועג, גייענדיק מיט די פּלייצעס אויסגעדרייט צו הערשעלען. ער פאַרטשעפּעט זיך אָן קוסט און פאַלט אַרויף אויף הערשעלען. — ס'דערהערט זיך אַ קרעכץ פון הערשעלען.

---

הערשעלע: אוי! מאַמע! (ער וועקט זיך אויף.)

אייזיקל: (שרייט אַ דערשראָקענער). אוי! — אוי! — אוי! — מאַמע! ער לויפט אַ דערשראָקענער צו די קינדער).

הערשעלע: וווּ בין איך?

אַלע: הוראַ! אָט איז הערשעלע!

חיהלע: קוקט נאָר אָן דעם העלד, ווי ער האָט זיך דאָס דערשראָקן פאַר הערשעלען! (לאַכט)

קינדער: (לאַכן. — איינער נאָכן אַנדערן שרייען.) צבֿער ביסטו אַ העלד! דו פּחדן! — דו גיבור!

אייזיקל: (בייז) טראָגט זיך אָפּ! אַז נישט!.. (פּאַרמעסט זיך שלאָגן)

הערשעלע: איר זייט דאָ?

היהלע: מיר זוכן דיך שוין אַזוי לאַנג אַרום! (מע רופט צונויף די קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען זוכן הערשעלען. זיי קומען ביסלעכווייז און פרייען זיך מיט אים.)

הערשעלע: און איך האָב געמיינט, אַז איך שלאָף אין קיניגלעכן פּאַלאַץ פון די שרעטעלעך.

רחלע: ס׳האָט זיך דיר מסתמא געחלומט?

הערשעלע: ניין! איך בין געווען אַ קיניג ביי די שרעטעלעך. איך האָב געהאַט אַ קרוין. זיי האָבן מיר געמאַכט אַ סעודה, געטאַנצט און געשפּילט זיך מיט מיר. ס׳איז אַזוי שיין געווען.

היהלע: גיי! גיי! ס׳האָט זיך דיר געחלומט. — נו! קינדער! איצט קומט שוין אַהיים. סווערט שוין נאַכט. הערשעלען האָבן מיר געפונען, וועט ער אונדז אין דערהיים דערציילן, וואָס ער האָט געזען און געהערט ביי די שרעטעלעך.

ר ח ל ע: יע! יע! קומט שוין! קומט!
א י י ז י ק ל: לאָמיר זיך אויסשטעלן פּאָר־
ווייז און איך וועל פירן.
ח י ה ל ע: גוט! און מיר וועלן זינגען.

די קינדער שטעלן זיך אויס און גייען אַוועק מיט געזאַנג.

(פאָרהאַנג)

אַכטונג, שולן!

נאָר וואָס דערשינען

**אַ נייע פאַרגרעסערטע און גרינטלעך**

**איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע**

**פון דער כרעסטאָמאַטיע**

# לעבעדיקע קלאַנגען

**פאַרן III=טן לערניאָר**

**פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.**

נייער מאַטעריאַל.

גרעסערער שריפט.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Wilno, Stefańska 24, m. 28.

אַבאָנירט דעם איינציקן 2־וועכנטלעכן
אילוסטרירטן יידישן קינדער־זשורנאַל

# „גרינינקע ביימעלך"

און דעם חודש־זשורנאַל פאַר
עלטערע קינדער און יוגנט

# „דער חבר"

ביידע זשורנאַלן דערשיינען אין ווילנע
אונטער דער רעדאַקציע פון ש. באַסטאָמסקי.

די „גרינינקע ביימעלך" און „דער חבר"
האָבן פאַרדינט די אַלגעמיינע אָנערקענונג
פון אַלע פריינט פון יידישן וואָרט און
יידישן קינד אין דער גאַנצער וועלט.

**אַבאָנעמענטס־פרייז** פון די „גר. ביימעלעך":
פאַר פוילן; אַ יאָר (20 נומ׳)—7 ג. 1/2 יאָר (10 נ׳)—4 ג.
" אויסלאַנד " (10 נ׳)—1.20 דאָל. " (10 נ׳ 60 ס.

**אַבאָנעמענטס־פרייז פון „חבר":**
אַ יאָר (10 נומערן)—4 גילדן אַ 1/2 יאָר—2 גילדן.
אויסלאַנד — 60 טענט אַ יאָר.

**אַדרעס פון דער רדאַקציע־אַדמיניסטראַציע:**
S. Bastomski, Wilno, Stefańska 24, m. 28

קאָמפּלעטן „דער חבר" אין פּראַכטבאַנד אַ יאָרגאַנג 5 גילדן

קאָמפּלעטן „גרינ׳ ביימ׳" אין פּראַכטבאַנד 8 גילדן

# לאָטאָ-שפּיל
# „רעטעניש"

צונויפגעשטעלט

פון ש. באַסטאָמסקי.

באַמערקונגען צום שפּיל

– און –

ענטפערס צו די רעטענישן

פ אַ ר ל אַ ג

„די נייע יידישע פאָלקסשול"

ווילנע

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעריע ג׳ 2

בר. גרים.

# שלומפּערל

(אַ פאָרשטעלונג אין 4 בילדער)

ווילנע
פאַרלאַג „נײַע יידישע פאָלקסשול"
1931

Printed in Poland.

**Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH“**
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

**Br. Grim.**

# Kopciuszek

Sztuka dla dzieci

Drukarnia „Expres“ Wilno, Wielka 33.

## פערזאָנען:

אַן אַלטינקע.
אַ קליין פייגעלע.
שלומפערל.
איר פּאַטער.
איר שטיפמוטער.
דער שטיפמוטערס 2 טעכטער
דער קיניג.
דער פּרינץ.
געסט.
דעם פּרינצס קוריער.

## I בילד.

שלומפערל זיצט אויף א בענקעלע אונטער א בוים. זי איז טרויעריק, פארוויינט.

אַן אַלטינקע: (גייט צו) וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, קינד?

שלומפערל: מײַן טרײַע גוטע מאַמע איז געשטאָרבן. ס'איז נאָך קײַן יאָר ניט אַוועק, ווי זי האָט אירע אויגן פאַרמאַכט.

אַלטינקע: און וווּ איז דײַן טאַטע, קינד?

שלומפערל: ס'איז ווינטער געווען, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן און אַ ווײַסער שניי האָט איר קבר פאַרשפּרייט. ס'איז ווידער ביילינג געוואָרן, די זון האָט דעם שניי

צעשמאָלצן, און דער טאַטע האָט שוין אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט. די שטיפמוטער האָט מיט זיך צוויי טעכטער אין הויז אַרײַנגעבראַכט. זײַנען זיי שיין און קלוג, אָבער זייער האַרץ איז קאַלט און בייז.

אַלטינקע: וואָס האָבן די בייזע טעכטער דיר געטאָן, מײַן קינד?

שלומפערל: זיי האָבן מיך פון מײַן שטוב פאַרטריבן, מײַנע שיינע קליידער צוגענומען, מיך אין שמאַטעס אָנגעטאָן, אין קיך הינטערן אויוון אַן אָרט געגעבן, אַלע שווערע אַרבעט אויף מיר אַרויפגעלייגט... און זיי לאַכן נאָך פון מיר: – זעט די שיינע פרינצעסין! זאָגן זיי, ווי פאַרפּוצט זי איז! – "שלומפערל" רופן זיי מיך. (וויינט.)

אַלטינקע: וויין ניט, שלומפערל, דײַן קלייד איז צעריסן, דײַנע הענט – אײַנגעמאַכט אין סאַזשע, די פיס באָרוועס, אָבער דײַנע אויגן זײַנען ליכטיק און בלוי ווי דער הימל, דײַנע האָר זײַנען ווייך ווי זײַד. הער זיך אײַן, ווי די פויגל זינגען, ווי די בלעטער רוישן. (גייט אוועק)

(עס הערט זיך אַ שטיל געזאַנג).

ש ל ו מ פ ע ר ל: (קוקט זיך ארום) די גוטע אַלטע איז שוין אַוועק. ווי ליבלעך די פייגע־לעך זינגען. דאָס זינגען זיי פאַר מיר!

אַ ווייס פייגעלע: (הינטער דער בעבנט)

שלומפערל, שלומפערל,

ווייך נישט מער,

איך האָב דיך ליב,

און טו דײַן באַגער.

---

## II בילד.

*אין שלומפערלס הויז: די שטיפמוטער און אירע טעכטער שלומפערל זיצט אין א ווינקעלע.*

**שטיפמוטער:** (שטייט ביים פענצטער) וואָס זיצסטו ליידיק, שלומפערל? דער טאַטע דאַרף באַלד קומען, און זי, די פרינצעסין, זיצט! דעק דעם טיש, נעם אַראָפּ דעם טאָפּ פון פייַער!

**די ערשטע טאָכטער:** זעט די פרינצעסין שלומפערל, ווי אויסגעפוצט זי איז... אַזוי וועט זי דאָס איר טאַטן אַנטקעגן גיין?

**די צווייטע טאָכטער:** דו ווייסט, מאַמע, זי האָט ביים טאַטן אַ מתנה באַשטעלט, – אַ גרין צווייַגעלע. כאַ, כאַ, כאַ, אַ גרין צווייַגעלע! כאַ, כאַ, כאַ, און נאָך פון אַ נוסבוים!

**ערשטע טאָכטער:** און איך האָב בײַם טאַטן אַ שײן נײַ קלײד באַשטעלט!

**צװײטע טאָכטער:** און איך פּערל און בריליאַנטן.

**די שטיפמוטער:** (קוקנדיק אין פענצטער) דער טאַטע פאָרט, דער טאַטע פאָרט! שלומי־פּערל, גײ אין קיך אַרײַן, דער טאַטע זאָל דײַן ברודיק קלײד ניט זען.

**די טעכטער:** גײ, שלומפּערל, גײ! הינטערן אויװן איז דײַן אָרט.

(עס גײט אַרײַן דער פאָטער.)

**דער פאָטער:** אַ גוטן אָװנט אײַך, קינדערלעך! אַזױ לאַנג אין דער פרעמד געװען. שױן זיך פאַרבענקט נאָך אײַך.

**די טעכטער:** און מתּנות האָסטו אונדז געבראַכט?

**דער פאָטער:** יאָ, יאָ טײַערע! פאַר אַלעמען מתּנות געבראַכט. דאַכט זיך, קײנעמס כאַראַקטער ניט פאַרגעסן. דיר, מײַן עלטסטע טאָכ־טער—אַ קלײד פון זײַד און שפּיצן. דיר, מײַן קלענערע,—פּערל און בריליאַנטן! (קוקט זיך אַרום) און װוּ איז שלומפּערל? איר מתּנה האָב איך אויך ניט פאַרגעסן: אין װאַלד פאַר איר

אַ גרין צווײַגעלע אָפּגעבראָכן.

**די שטיפמוטער:** שלומפערל, שלומ־פערל, ווו באַהאַלטסטו זיך? דער טאַטע רופט ער האָט דיר אַ מתנה געבראַכט.

**שלומפערל:** (גייט צריין און נעמט צו שווייגנדיק די מתנה).

**די טעכטער:** אַ מתנה, כאַ, כאַ! לאָמיר גיכער אונדזערע נײַע קליידער אָנטאָן, אונדזע־רע פערל אָנמעסטן. (לויפן ארויס, נאָך זיי גייט ארויס די שטיפמוטער).

**דער פאָטער:** וואָס וועסטו טאָן מיט דעם צווײַגעלע, קינד?

**שלומפערל:** איך וועל עס אויף דער מאַמעס קבר אײַנפלאַנצן. פון צווײַגעלע וועט אַ בוים אויסוואַקסן, אויף דעם בוים וועלן פויגל זינגען און נעסטן פלעכטן.

---

## III בילד.

דאָס זעלבע הויז. די שטיפמוטער, די טעכטער, שלומפערל.

**די שטיפמוטער:** אונדזער גוטער קי־ניג מאַכט אַ באַל אין זײַן שלאָס. קיינער טאָר אויף דעם באַל ניט פעלן. ער לאָזט אַלעמען פײַן בעטן. דער פּרינץ אַליין וועט מיט די געסט טאַנצן. די שענסטע מיידל וועט זײַן כּלה ווערן.

**די טעכטער:** אָ, מאַמע, מיר וועלן אויך צום באַל גיין, אין קיניגס פּאַלאַץ זײַן, מיטן קיניגס זון טאַנצן!

**די שטיפמוטער:** יאָ, טײַערע, פּוצט זיך, צירט זיך אויס, מיר וועלן גיין!

**די ערשטע טאָכטער:** שלומפערל, שלומפערל, מיר גייען אויף אַ באַל אין קיניגס שלאָס!

**די צווייטע טאָכטער:** שלומפערל, פאַרקאַם מיר מײַנע האָר!

**די ערשטע טאָכטער:** שלומפערל, וואַש מיך אַרום!

**די צווייטע טאָכטער:** שלומפערל, מאַך מיר אַ גלאַנץ אויף מײַנע שיך!

**די ערשטע טאָכטער:** שלומפערל, טו מיך אָן אין מײַן שענסטן קלייד!

**די צווייטע טאָכטער:** דערלאַנג מיר מײַנע פערל און בריליאַנטן!

**די שטיפמוטער:** (באַטראַכט די קינדער נאָכן אויספּוצן זיך) אַזוי, מײַנע קינדער, אַזוי איז גוט! איר וועט זײַן די שענסטע געסט אין קיניגלעכן שלאָס.

**שלומפערל:** איך וויל אויך גיין אין קיניגלעכן שלאָס און טאַנצן דאָרט מיט אַלע־מען צוגלײַך.

**שטיפמוטער:** שלומפערל, דו! ביסט דאָך אין שטויב און אין שמוץ, און ווילסט גיין אין שלאָס! האָסט דאָך קײַן קליידער און קײַן שיך ניט אזן דו ווילסט טאַנצן!

**שלומפערל:** נעמט מיך מיט, איך וועל אָפּוואַשן מײַנע הענט, וועל פאַרקעמען מײַנע האָר, אין די צעפּ אַ רויז אַרײַנפלעכטן און אויפן באַל טאַנצן.

**די טעכטער:** כאַ, כאַ, זי וועט די הענט אָפּוואַשן, אַ רויז אין די האָר אַרײַנפלעכטן... כאַ, כאַ, כאַ! שלומפּערל, ווער וועט דיך אין שלאָס אַרײַנלאָזן, מיט דיר טאַנצן גיין?

**די שטיפמוטער:** גוט! נאָר איך האָב אומגערן אַ שיסל לינדזן אויסגעקערט, און די לינדזן האָבן זיך אין אַש צעשאָטן... רעכט! אויב דו קלײַבסט אויס אין אַ שעה צײַט די לינדזן פון אַש, גייסטו מיט אין קיניגלעכן שלאָס אַרײַן.

די שטיפמוטער און די טעכטער גייען ארויס. שלומפּערל בלייבט אליין. זי גייט צו צום פענצטער און רופט:

„איר ליבע טײַבעלעך, און טורקלטײַבעלעך, און אַלע פייגעלעך פון אונטערן הימל! קומט און העלפט מיר די לינדזן קלײַבן – די גוטע אין טעפּעלע, די ווערעמדיקע – אין קרעפּעלע!"

עס הערט זיך, ווי עס פליען פייגעלעך הינטער דער סצענע און ווי זיי מאכן — פּיק, פּיק, פּיק, פּיק!

**שלומפּערל:** אָ, מײַנע טײַבעלעך, אָ, מײַנע פייגעלעך, אַלע לינדזן אויסגעקליבן!

עס קומען ארײַן די שטיפמוטער און די טעכטער.

**שלומפּערל:** די לינדזן אויסגעקליבן,

נעמט מיך אין שלאָט מיט.

**די שטיפמוטער:** ניין, שלומפערל, דו האָסט קיין קליידער ניט און קענסט ניט טאַנצן, די געסט וועלן פון דיר לאַכן, מיר וועלן זיך שעמען מיט דיר.

(גייען אוועק)

**שלומפערל:** (בלייבט אליין און וויינט).

עס הערט זיך פון הינטער דער סצענע:

שלומפערל, שלומפערל,
וויין ניט מער,
איך האָב דיך ליב,
און טו דיין באַגער!

**שלומפערל:** דאָס איז דאָס ווייסע פייגעלע אויפן בוים לעבן דער מאַמעס קבר... איך וועל גיין צוהין, דאָס פייגעלע בעטן... זי וועט מיר אַ קלייד און פאַנטאָפעלעך געבן, איך וועל צום באַל גיין און אין שלאָס טאַנצן.

(לויפט אוועק).

## IV בילד.

אין קיניגלעכן שלאָס. פיל געסט שפּאַצירן אַרום איבערן זאַל. טייל זיצן אַרום די טישן.

**דער קיניג:** (גייט אַרום צווישן די געסט). איר זייט מיר ליב, טייערע געסט, טרינקט און עסט, זינגט און טאַנצט.

טייל געסט טאַנצן. עס באַווייזט זיך שלימפּערל.

**די געסט:** ווער איז דאָס מיידל? ווי שיין זי איז!

**איין גאַסט:** זעט, זעט! אירע אויגן זיינען בלוי ווי דער הימל, די האָר — ווייך ווי זייד.

**צווייטער גאַסט:** איר קלייד שיינט ווי זילבער, אירע קליינע פּאַנטאָפּעלעך זיינען פון ריינעם גאָלד.

דריטער גאַסט: איר פּנים לײַכט ווי די זון.

דער פּרינץ: (גייט צו צום שלומפּערל) איך בעט אײַך, שיינע פּרינצעסין, טאַנצט מיט מיר. (טאַנצן)

די געסט: דער פּרינץ אַליין טאַנצט מיט איר!

די שטיפמוטער: (צו אירע טעכטער) דײַן קלייד, מײַן קינד, איז שענער, און דײַנע פּערל, מײַן טאָכטער, שימערידן פון ווײַטן. דער פּרינץ וועט אײַך באַלד דערזען, וועט ער זי לאָזן אַליין. איר קלייד איז פּראָסט, און אין די האָר האָט זי נאָר פעלד־בלימלעך און ניט קײַן טײַערע בריליאַנטן.

דער פּרינץ: (צו שלומפּערל) שיינע פּרינצעסין, ווי רופט מען אײַך, און וווּ איז אײַער פאָטערס הויז?

שלומפּערל: מײַן נאָמען איז מיאוס, און מײַן פאָטערס הויז איז ווײַט. אַ גוטע נאַכט, ליבער פּרינץ! (אַנטלויפט)

דער קיניג: (אין אַ געוויסער צייט אַרום צו די געסט) גוטע נאַכט, מײַנע טײַערע געסט. די פײַערן ווערן פאַרלאָשן און דער שיינער באַל

געשלאָסן.

צלע גייען אוועק. עס קומט צריין דער פּרינץ, אין האַנט האַלט ער אַ גאָלדן פּאַנטאָפעלע.

**דער קיניג**: נו, מײַן זון, װער איז די שענסטע פון די געסט? װער װעט דײַן כלה זײַן?

**דער פּרינץ**: די שענסטע איז אַנט־לאָפן... איר פּאַטערס הויז איז װײַט, איר נאָמען איז אומבאַקאַנט. נאָר אַ קליין פּאַנטאָ־פעלע האָט זי אײַלנדיק פאַרלאָרן.

**דער קיניג**:

נעם, מײַן זון, אַ פלינקן פערד,
רײַט אויף אים איבער דער גרויסער ערד
װעמען דאָס פּאַנטאָפעלע װעט פּאַסן פײַן,
די װעט דײַן באַשערטע זײַן.

## V בילד.

*ביי דער שטיפמוטער אין הויז: די שטיפמוטער, דער פאָטער און די טעכטער. שלומפערל איז אין קיך.*

**דעם פרינצס קוריער:** (גייט אַריין) זייט געגריסט, איידעלע מענטשן! דער פרינץ אַליין האָט מיך צו אייך געשיקט. ער לאָזט אייך זאָגן: ער רייט אויף זיין פלינקן פערד, אין האַנט האַלט ער אַ גאָלדן פאַנטאָפעלע. ווענען דאָס פאַנטאָפעלע וועט פאַסן, די וועט זיין באַשערטע זיין. איר האָט צוויי שיינע טעכטער. דער פרינץ אַליין וויל זיי דאָס פאַנטאָפעלע אָנמעסטן.

**דער פאָטער און די שטיפמוטער:**

דער פרינץ אַליין, דער פרינץ אַליין גייט!

**דער פרינץ:** (קומט אריין) גוטע מענטשן, מײַן פאַרלאַנג איז אײַך באַקאַנט.

**דער פאָטער און די שטיפמוטער:** דאָס איז אונדזער עלטסטע טאָכטער, זי איז שיין און קלוג, דאָס פאַנטאָפעלע וועט איר זיכער פאַסן.

די מוטער רופט אָפּ די טאָכטער אָן א זייט, זי מעסט איר דאָס פאַנטאָפעלע אָן.

**די מוטער:** (צו דער טאָכטער) ס'איז קליין, אָבער ס'מאַכט ניט אויס, מײַן קינד! שנײַד אָפּ אַ פינגער. ווען דו וועסט ווערן אַ פרינ־צעסין, וועסטו צופוס ניט גיין.

זי שניידט איר אָפּ דעם פינגער.

**די מוטער:** (צופירנדיק די טאָכטער צום פרינץ) דאָס פאַנטאָפעלע פאַסט, ווי אויף איר גענייט.

**דער פרינץ:** (קוקט זיך איין) אײַער שיי־נע טאָכטער קען מײַן כּלה ניט זײַן, דאָס פאַנטאָפעלע פאַסט איר ניט.

**דער פאָטער:** מײַן צווייטע טאָכטער וועט גליקלעך זײַן, דאָס פאַנטאָפעלע אָנצו־מעסטן, איר פיסעלע איז צאַרט און קליין, אַזוי ווי פאַר דעם פאַנטאָפעלע געבאָרן.

די מוטער: (אפפירנדיק די טאָכטער אָן א זייט) עס פּאַסט ניט, אָבער זאָרג ניט. דאָ ליגט אַ שאַרפער מעסער, שנײַד זיך אָפּ אַ טייל פון פּיאַטע, דאַן וועט דאָס פּאַנטאָפעלע פּאַסן. דעם פּרינצס דאָקטאָר וועט דיר די קראַנקע פוס פאַרהיילן.

דער פּאָטער (פירט צו די צווייטע טאָכטער צום פּרינץ): דאָס פּאַנטעפעלע איז שיין אויפן קליי־נעם צאַרטן פיסל. דער גרויסער פּרינץ קען זען, ווי גוט עס פּאַסט.

דער פּרינץ: עס טוט מיר לייד. דאָס פּאַנטאָפעלע פּאַסט, אָבער די פוס איז קראַנק. די צווייטע טאָכטער איז אויך ניט די אמתע כלה מײַנע. אפשר האָט איר נאָך אַ טאָכטער?

דער פּאָטער: ניין. נאָר פון מײַן ערשטער פרוי איז נאָך אַ קליין שמוציק שלומפערל דאָ. עס פּאַסט אָבער ניט, אַז זי זאָל אייער כלה ווערן.

פּרינץ: פירט זי אַרײַן, איך בעט אייך.

די שטיפמוטער: אַך, ניין, זי איז צופיל פאַרשלומפערט, מ׳קען זי ניט באַווײַזן.

דער פּרינץ: איך באַפעל אָבער: זי מוז קומען, איך וועל איר דאָס פּאַנטאָפעלע

אָנמעסטן.

דער פּאָטער פירט צריין דאָס שלומפערל:

**דער פּרינץ** (פארנייגט זיך פאר איר): זיי וועלן מיר דעם כבוד טאָן און דאָס פּאַנטאָפעלע אָנמעסטן.

שלומפערל טוט אָן.

**דער פּרינץ**: עס פּאַסט, עס פּאַסט! זיי זײַנען די אומבאַקאַנטע פּרינצעסין, וואָס האָט געטאַנצט מיט מיר אויפן באַל. אײַער קלייד איז צעריסן און שמוציק, אָבער אײַערע אויגן זײַנען ריין און בלוי ווי דער הימל. אײַער פּנים איז שוואַרץ פון סאַזשע און שטויב, אָבער ער לויכט ווי די ליכטיקע זון. איר זײַנט מײַן אמתע כלה! פאַרלאָזט דאָס הויז פון די בייזע מענטשן און קומט מיט מיר אין שלאָס אַרײַן!

פריילעכע מוזיק הינטער דער סצענע.

## אַכטונג, שולן!

שוין דערשינען!!!

# נ ײַ ע
# לידער-זאַמלונג

## מ י ט  נ אָ ט ן

## „אונטער די גרינינקע ביימעלעך“

צונויפגעשטעלט פון **ש. באַסטאָמסקי.**

מוזיקאַלישע רעדאַקציע פון געזאַנג-לערער פון
די ווילנער יידישע שולן און דיריגענט פון
ווילביג-כאָר **א. סלעפ.**

---

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:
S. Bastamski. Wilno, Stefańska 24, 28

שוין דערשינען דער נײַע:

# אַריטמעטישער רעכנבוך

## פאַרן 2-טן לערניאָר

פון ש. באַסטאָמסקי.

צונויפגעשטעלט לויט די נײַסטע קוועלן.

# קאָמפּלעטן

## „גריינקע ביימעלעך"

### פון די פּאַריקע 4 יאָרגענג

### און פון 1=טן יאָרגאַנג „חבר".

**אין לייוונטענע פּראַכט=בענדער**

פּרייז פון 1 יאָרגאַנג 6 גילדן 70 סענט
„ „ 2 „ 8 „ 1.20 „
„ „ 3 „ 8 „ 1.20 „
„ „ 4 „ 8 „ 1.20 „
„ פון 1=טן יאָרג. „חבר" 5 ג. 70 סענט

זיך ווענדן:

Wilno. Stefańska 24, m. 28.